STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02638

DI LAGE FUN YIDEN IN DI MILHOME LENDER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די לאגע פון אידען
אין די
מלחמה לענדער

ארויסגעגעבען פון דער

פאלקס-הילף קאָנפערענץ פאר די אידישע מלחמה קרבנות

צום צווייטען יאהרצייט
פון דער מלחמה

ניו יאָרק, אויגוסט, 1916

דער חורבן וואָס א האלב אידיש פאָלק האָט איבערגעלעבט און לעבט נאָך איצט איבער צוליעב דער וועלט־מלחמה איז אזוי שרעקליך גרויס, אז עס דארפען אריבער א סך יאָהרען איידער מען וועט עס קענען אָבשעצען.

דער נייער בלוטיגער בוך אידישע געשיכטע שרייבט זיך נאָך איצט, און קיינער קען נאָך ניט זאָגען, ווי אזוי די לעצטע זייט פונ'ם בוך וועט אויסקוקען.

מען קען ניט און מען טאָר ניט שרייבען איצט קיין געשיכטע, אָבער מען מוז פון צייט צו צייט צעהלען די פערלוסטען, וויסען די צאָהל פון די געפאלענע און די צאָהל פון די פערבליבענע. מען מוז טאָג איין־טאָג אויס דערמאָהנען דאָס גאנצע פאָלק, עס זאָל האלטען א קלאָהרען חשבון פונ'ם חורבן.

ווייל דער חשבון ווערט יעדעסמאָל לייכטער און איינפאכער אויסצורע־כענען. א גאנצע פינפטעל פון אידישען פאָלק ערנעהרט זיך פון ברויט מיט וואסער, שלאָפט אין באראקען, אין וועלדער, אין פערד־שטאַלען; דערשטיקט און פערשטומט פון אייגענער פערצוויופלונג און פון א בלוטיגער מלוכה־האנד — און מען קען אפילו זיין געוויין דאָ ניט דערהערען.

אָבער מיר דאָ מוזען וויסען:

ווי האלט עס מיט דעם לעבעדיגסטען טייל פון אונזער פאָלק?

וויפיעל האָבען מיר פערלוירען?

און איבערהויפט: וויפיעל האלטען מיר ביים פערליערען?

מיר מוזען וויסען, ווי גרויס עס איז דער אומגליק, כדי צו וויסען, ווי גרויס עס זאָל זיין אונזער הילף.

דאָס איז דער ציעל פון דער דאָזיגער אויסגאבע.

אין פּוילען און ליטאַ

די ערשטע פּאָגראָמען.

די בלוטיגסטע שלאַכטען פון דער וועלט־מלחמה, סיי אין זייער שטח, סיי אין זייער פאָרם זיינען פאָרגעקומען אין פּוילען און גאַליציען.

די בעפעלקערטסטע אידישע געגענד אין דער וועלט איז פּוילען און גאַליציען.

דער ווילדעסטער, גיפטיגסטער ראַסען־ און נאַציאָנאַליטעטען־קאַמפּף קומט פאָר אין פּוילען און גאַליציען.

אָט דאָס זיינען די דריי סבות וואָס האָבען רואינירט און געבראַכט צום אונטערגאַנג דאָס פּוילישע, ליטווישע און גאַליצישע אידענטום; אויב די אידען פון רוסיש־פּוילען און ליטאַ וואָלטען אפילו גענאָסען די פאָלשטענדיגסטע פרייהייט, אויב דאָרט וואָלט אפילו ניט געווען קיין שפּור פון נאַציאָנאַליטעטען־קאַמפּף און פעלקער־האַס, קיין מסירות פון די שכנים — וואָלט דער אידישער חורבן, אַלס דירעקטער פּועל יוצא פון דער מאָביליזאַציע און די קריעגס־אָפּעראַציעס געווען מורא׳דיג גרויס און אונפערגלייכליך.

אָבער דער אויסברוך פון דער מלחמה האָט געטראָפען דאָס פּוילישע אידענטום אונטער אן אייזערנער קלעם פון אן אַלגעמיינעם באָיקאָט, וואָס די פּאָליאַקען האָבען אָרגאַניזירט געגען דעם אידישען מסחר. צעהנדליגע טויזענדער אידישע סוחרים זענען בדלות געוואָרען.

מיט׳ן אָנקומען פון דער מלחמה האָט דער האַס גענומען א נייעם וועג. עס איז אָנגעקומען די צייט פון ווילדער אַנאַרכיע, פון פּאָליטישער און געזעלשאַפטליכער הפקרות. די פּאָליאַקען האָבען געזעהן, אַז זיי האָבען איצט א מעגליכקייט צוצונעהמען ביי די אידען ניט נאָר די קונים נאָר אויך די קראָמען מיט די הייזער, מיט דאָס גאַנצע אידישע האָב און גוטס. — און אויב צוצונעהמען איז ניטאָ קיין מעגליכקייט, — דאַן, ווענינגסטענס, פערניכטען. איבער די קעפּ פון די פּוילישע אידען האָט פּוילען און רוסלאַנד זיך געגעבען די הענד; די אידען זיינען געוואָרען א שפּיעלצייג אין די הענד פון דער רוסיש־פּוילישער פערברידערונג, און ביידע האָבען זיי געמאַכט איבער די מיליאָנען אידען פון די מלחמה־געגענדען **איין גרויסען בלוטיגען פּאָגראָם**.

באַלד מיט׳ן ערשטען ריקצוג פון רוסישען מיליטער פון די טויערען פון קעניגסבערג, האָט די רוסישע מפּלה זיך געלייך געלאָזען פּיהלען אויפ׳ן אידישען רוקען. הונדערטער אידישע שטעדטלעך פון אַרום דער פּרייסישער גרעניץ זענען צושטערט און פערברענט געוואָרען. אין סוף פון יאָהר 1914 זענען טויזענדער

אידען געבליבען אָהן א דאך און אָהן ברויט, נ ו ר א ד א נ ק ד י מ י־ליטערישע אָפּעראַציעס אין יענע געגענדען.

עס איז דעמאָלט געווען דער פאַסענדסטער מאָמענט, ווען די פּוילישע אינטריגען און בלבולים זאָלען ברענגען זייערע פּרוכטען. די ערשטע פערטריי־בונגען, רציחות און פּאָגראָמען אין די פּויליש־אידישע שטעדטלאך זענען, ווי עס בעווייזען פיעל פאַקטען, נאָך נישט געווען אָרגאַניזירט פון דער רוסישער רעגיערונג, אָדער פון גענעראַל־שטאַב. זיי זיינען געווען צו פּערדאַנקען אויס־שליסליך די פּוילישע שוואַרץ־מאה'ניקעס, וועלכע האָבען געשפּיעלט אין פער־לויף פון דער מלחמה א צווייזייטיגע פּאָליטיק, מיט רוסלאַנד און עסטרייך, און געמאַכט פאַר זיך אלס שפּיעלצייג און אלס פערענטפערונג פאַר אלע זייערע מעשים — די אָרטיגע אידען.

ווען די רוסען האָבען פערטריבען די „סאָקאָלען" (דאָס פּריוויליגע פּוילישע מיליטער) פון זאַמאָשטש, אין סעפּטעמבער 1914, האָבען די פּאָליאַקען גע־מסור'ט פאַר'ן רוסישען קאָמאַנדיר, אז די אידען האָבען געהאָלפען די עסטריי־כער בעת זיי זיינען דאָרט געווען. צוועלף אידען זיינען אַרעסטירט געוואָרען און כאָטש זיי האָבען גע'טענה'ט, אז זיי זענען אונשולדיג, זענען זיי אלע פער'משפּט געוואָרען צום טויט. ווען מען האָט שוין פינף אידען געהאַט אויפגעהאַנגען, איז געקומען צו לויפען א רוסישער גלח מיט דער הייליגער איקאָנא אין האַנד און האָט געשוואָרען, אז די אידען זענען אונשולדיג, און אז די גאַנצע בעשולדיגונג נעגען זיי איז ניט מעהר ווי א פאַלשע מסירה. אויף דעם סמך, זענען די איבריגע 7 אידען בעפרייט געוואָרען.

און דאָס וואָס איז פאָרגעקומען אין זאַמאָשטש איז מיט געוויסע ענדע־רונגען געשעהן אין גאַנץ פּוילען און גאַליציען.

נאָך די ערשטע מאָנאַטען פון דער מלחמה, דעמאָלט, ווען דריי־פיערטעל פון רוסיש־פּוילען איז נאָך געווען ביי די רוסען אין די הענד, זענען שוין די מאָראַלישע און מאַטעריעלע ליידען פון די פּוילישע אידען געווען אונערטרעגליך. דער געזונדסטער טייל פון די אידען איז אוועק אויפ'ן שלאַכטפעלד; עס זענען געבליבען אלטע לייט, קאַליקעס, שוואַכע און פרויען מיט קינדער. די מאַטע־ריעלע נויט פון די פערבליבענע האָט זיך אָנגעהויבען צו לאָזען פיהלען גלייך אין די ערשטע וואָכען פון דער מלחמה. הונדערטער טויזענדער פאַמיליעס זענען געבליבען אָהן שפּייזער. דער האַנדעל און אינדוסטריע — מיט דער אויסנאַהם פון דער מלחמה־אינדוסטריע — זענען געוואָרען פּאַראַליזירט. א חוץ דעם האָבען די מיליטערישע פאָדערונגען אָנגעמאַכט א שרעקליכען יקרות אויף די נויטיגסטע לעבענס־מיטלען; צו רעגולירען דעם פּרייז פון שפּייז־פּראָדוקטען איז דער רוסישער רעגיערונג איינגעפאַלען מיט לאַנגע, לאַנגע מאָנאַטען שפּעטער.

דאָס אלץ איז שוין געווען גענוג, אז די הילפלאָזע אידישע פּרנסות זאָלען מיט'ן ערשטען שטויס צוזאַמענברעכען; ווייל, ווי געזאָגט, איז דאָס אידישע מסחר אין פּוילען געווען אויפ'ן וועג פון רואינע נאָך איידער די מלחמה האָט

אויסגעבראָכען, א דאַנק דער פּוילישער באָיקאָט־אַגיטאַציע, און צוליעב דעם אַלגעמיינעם חורבן פון פּוילען, איז דער אידישער חורבן געוואָרען נאָך גרעסער און שרעקליכער. פון די פערביטערטע שלאַכטען, וואָס זענען דאָרט אָנגעגאַנגען דריי פיערטעל יאָהר צייט, זענען 200 שטעדט און ניין טויזענד שטעדטלאָך און דערפער צושעדיגט אָדער, טיילווייז, גאָר אינגאַנצען אָבגעווישט געוואָרען פון דער ערד. דער חשבון, אז פּוילען האָט געליטען א מיליאַרד רובל שאדען איז ניט נור קיין איבערטריבענער נאָר אפשר נאָך א צו קליינער.

מיט יעדער מפּלה וואָס די רוסען האָבען געהאַט פון די דייטשען איז די לאַגע פון די אידען אַלץ אונערטרעגליכער געוואָרען. די רוסישע מיליטער פיהרער האָבען אָנגעהויבען אייניציגווייז פערטרייבען די אידישע בעפעלקערונג פון די שטעדטלאַך, וואָס ארום דעם מלחמה־ראַיאָן — טיעפער אין לאַנד אריין. די פערטרייבונגען אין די ערשטע צייטען זענען צוגעגאַנגען שטיל, אָהן רעש; עס האָט געהייסען, אז זיי ווערען נאָר דערווייטערט פון די געפעהרליכע שלאַכטען וואָס בושעווען ארום יענע געגענדען. אָבער וואָס אָנגרייפענדער די דייטשען זענען געוואָרען, וואָס ווייטער זיי זענען אריין אין פּוילען, אַלץ מיט מעהר פערביטערונג האָבען די רוסען זייער כעס אויסגעלאָזען אויף די אידישע קעפּ. עס האָט אויסגעזעהן, אז רוסלאַנד וויל דערטרינקען איהרע מפּלות אין אידישע בלוט. און זיי האָבען איצט געהאַט די בעסטע געלעגענהייט דערצו. דער רוסישער מיליטערישער חוליגאַניזם האָט געהאַט אין זיין מאַכט די גאַנצע אידישע „טשערטאַ" און זי פערוואַנדעלט אין א גהינום, פייניגענדיג די דאָרטיגע איינוואוינער מיט די גרוילינסטע מיטלען, וואָס א מענשליכע פאַנטאַזיע קען זיך נאָר פאָרשטעלען. די ערשטע קערנער וואָס די פאַליאַקען האָבען געפלאַנצט, פערשפּרייטענדיג ידיעות, אז די אידען זענען שפּיאָנען און שלעפּען צו די דייטשען, האָבען געבראַכט די ערוואַרטעטע רעזולטאַטען. דער רוסישער גענעראַל־שטאַב האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן די דאָזיגע בלבולים און אין דעם גע־פונען אן אויסגעצייכענטען תירוץ אויף אַלע זייערע ביטערע מפּלות.

— „די אידען פערראַטהען אונז צום שונא". — איז געוואָרען דער אַלגעמיינער געשריי פון די מיליטערישע פיהרער.

און זיי האָבען פּאַקטיש גענומען פערטיליגען יעדען אידישען נפש.

דער ערשטער מיטעל דערצו איז געווען — די פּאַגראָמען און דאַן — די פערטרייבונגען.

דעמאָלט, ווען דער דייטשער פעלד־ראַבינער ד"ר לעווי האָט פערעפענטליכט זיינען בעריכטען, אז דאָס רוסישע מיליטער האָט געמאַכט פּאָגראָמען אין צוויי הונדערט פופצעהן אידישע שטעדט האָט עס אַלעמען אזוי צוטומעלט, אז מען האָט עס גאָר ניט געוואָלט גלויבען. אַנדערע האָבען מיט א געלאַסענעם צווייפעל געזאָגט:

— ווי איז דען מעגליך צו דער׳הרג׳ענען א טויטען ?
אָבער ווי עס ווייזט אויס האָט די מענשליכע גרויזאַמקייט קיין ברעג ניט.
דער אמת איז, אז צעהנדליגע אידישע קהילות זענען פערניכטעט געוואָרען נאָך איידער די דייטשען האָבען זיך דאָרט בעוויזען.

דער טויטען־וועג.

עס זענען פאָרגעקומען דאָ און דאָרט פּאָגראָמען אויף אידען כמעט אין אַלע גובערניעס פון דער טשערטאַ. דאָס לעצטע ביסעל אידישע האָב און גוטס איז צורויבט געוואָרען פון די לאַנד־פערטיידיגער נאָך איידער דער דייטשער פייער האָט צייט געהאַט עס צו פערברענען. מען האָט אָבער בערויבט ניט נאָר דאָס אידישע פערמעגען, נאָר אויך דעם אידישען כבוד. טויזענדער אונ־שולדיגע אידען זענען געשטאָרבען אויף דער תליה, טויזענדער אידישע טעכטער זענען געשענדעט און צום טויט פערמוטשעט געוואָרען פון די ווילדע האָרדען ; מען האָט פאַר די אומגליקליכע אויסגעטראַכט די ווילדעסטע אכזריות׳ן, די אונגלויבליכסטע פּייניגונגען, געשענדעט די הייליגסטע אידישע זאַכען, שולען און בתי מדרשים האָט מען פערוואַנדעלט אין פערד־שטאַלען, גאַנצע קהילות אידען, ווי פון קלישטשא, לאָפּאָשין, קאַרניטשען, אַלעשנע, וולאַשטשא — האָט מען גענומען געפאַנגען, זיי אוועקגעפיהרט און מען ווייסט נאָך עד היום ניט, וואו זיי זיינען אהינגעקומען. די גאַנצע אידישע געמיינדע פון אַפּאַלאַ איז אויסגע׳הרג׳עט געוואָרען פון קאָזאַקען. אין קעראַוואָ, לובלינער גובערניע, זענען 78 אידען ואין איין טאָג אויפגעהאַנגען געוואָרען, ווערענדיג בעשולדיגט אין שפּיאָנאַזש. אין לאָדז זענען 15,000 קליינע אידישע סוחרים בערויבט גע־וואָרען בעת די רוסען האָבען פערלאָזען די שטאָדט — זיי מוזען אַלע איצט לעבען פון בעטעל־ברויט. אין פּלאָוונא, שעראַדז, זלאָטי־פּאָטעק, קאָניטשפּאָל — זענען אַלע אידישע הייזער צוראַבירט געוואָרען.

אין סטאַשעוו זענען עלף אידען, אום אום כיפור, אין טלית און קיטעל אויפגעהאַנגען געוואָרען אין שוהל.

הונדערטער אידישע מיידלאַך, זייענדיג געשענדעט פון די פּאָגראָמשטשי־קעס האָבען נישט געקענט איבערטראָגען די חרפה און זיך גענומען דאָס לעבען.

אָראַן, סמאַרגאָן, לעמישעוויטש, גלובאָקע, דונילאָוויטש, פּאָסטאַווע, בע־רעזעניצע זענען מאַרטירער־שטעדלאַך, פערוויסט און צוריבען געוואָרען פונקט ווי זייערע אידישע איינוואוינער.

סמאַרגאָן האָט פון דער דאָזיגער גרופּע געהאַט דעם ביטערסטען גורל. דער פּאָגראָם האָט דאָרט אָנגעהאַלטען 3 טעג (פון 8טען ביז׳ן 11טען אָקטאָבער). ווען ס׳איז אָנגעקומען דעם 11טען אָקטאָבער א בעפעהל, אז אַלע אידען זאָלען פון דאָרט פערטריבען ווערען, האָבען די אידען בעגעגענט די גזרה מיט פריי־דענס־געשרייען. דער חוליגאַניזם האָט דאָרט אַזוי געבושעוועט, אַלע גערויבט, געמאָרדעט און געשענדעט, אז די אידען זענען געווען גליקליך צו אנטלויפען

וואו נאָר די אויגען וועלען זיי טראָגען. אָבער נאָך איידער זיי האָבען צייט געהאט די שטאָדט צו פערלאָזען זענען די הייזער אונטערגעצונדען געוואָרען פון אַלע זייטען און פיעל אידען זענען אומגעקומען. די סמאָרגאָנער אידישע קהילה איז אָבגעווישט פון דער ערד; אַלע דאָרטיגע אידען זענען אוועק אינ'ם נייעם אונבעקאַנטען גלות. אָבער ניט לייכט איז געווען דאָס וואַנדערן. דער וועג פון סמאָרגאָן נאָך מינסק האָט מען א נאָמען געגעבען „דער טויטען־וועג“. אַלע, וואָס די אידען האָבען בעוויזען מיטצונעהמען האָט מען ביי זיי אויפ'ן וועג צוגענומען, און מען האָט זיי נאָך געשלאָגען, פערמאַטערט צום טויט און געשענדעט זייערע פרויען.

די פּאָגראָמען זענען געווען ווי א פּאָררעדע צו דער אַלגעמיינער גרויסער פערטרייבונג פון די פּוילישע און ליטווישע אידען. א פערטרייבונג, וועלכע האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער געשיכטע פון קיין שום פאָלק, וואָס האָט אַמאָל געלעבט אויף דער ערד.

נאָך איידער עס זענען ארוים די אָפיציעלע אוקאַזען וועגען די גירושים זענען שוין געווען ביז הונדערט טויזענד פערטריבענע אָדער אַליין אַנטלאָפענע אידען פון די פּוילישע גרעניץ־שטעדט, וואָס האָבען זיך געוואַלגערט אין ווארשוי און ארום ווארשוי. אָבער די אמת'ע פערטרייבונג, וואָס האָט רואַינירט ביז אונטערגאַנג א דריטעל פון רוסישען אידענטום, האָט זיך ערשט אָנגעהויבען אין מערץ פון 1915.

מען האָט אָנגעהויבען מיט די שטעדט וואָס זענען נעהנטער צום קריעגס־ראַיאָן און געענדיגט האָט מען דעמאָלט, ווען די רוסישע מפּלות האָבען שוין געהאט דערגרייכט זייער לעצטע שטופע, ד. ה. נאָכדעם, ווי דייטשלאַנד האָט שוין געהאט איינגענומען גאַנץ ליטא און פּוילען.

דער גירוש האָט נישט אויסגעמידען קיין איינציגען אידישען ישוב אין דעם תחום; א חוץ אָט דעם טייל, וואָס איז פון פריהער שוין געווען פערנומען פון די דייטשען. לויט פערשיעדענע אויסרעכנונגען קומט אויס, אז צוזאַמען זענען פערטריבען געוואָרען 600,000 אידען. און ו ו י א ז ו י זענען זיי פערטריבען געוואָרען?

דער אופן פון דער פערטרייבונג פון די זעקס הונדערט טויזענד אידען מאַכט אָבהענדיג יעדען איינעם וואָס וויל זיי בעשרייבען. עס פערפעהלען ווערטער, עס פערפעהלען בילדער, עס שטייגט אריבער די פאַנטאַסטישע גהינום־בעשרייבונגען און עס וועט שאַפען נאָר אן איינזייטיגע פאָרשטעלונג, אויב מיר וועלען דאָ געהן שילדערן, ניט אָבגעבענדיג גענוג פּלאַץ דערצו, די ווילדעסטע גרויזאַמסטע פערטרייבונגען, וואָס איז ווען עס איז פאָרגעקומען פון זינט די וועלט שטעהט.

אין פיעלע שטעדט האָבען זיך די פערטרייבונגען אָנגעהויבען גלייך ווי נאָר דער בעפעהל איז אָנגעקומען, ניט געבענדיג אפילו קיין צייט מיט עפּעס זיך צוצוגרייטען אויף דעם לאַנגען, בלוטיגען אונבעקאַנטען וועג. פאַר די הונ־

דערטער טויזענדער נע־ונד׳ניקעס האָט מען געגעבן איינגאַנצען 26 פּראַכט־צוגען, צו 40 ביז 70 וואַגאָנען אין א צוג, איינגעפּאַקט פרויען און קינדער, אַלטע לייט און קראַנקע, ווי שעפּסען אין א שטייג, און די באַהנען זענען גע־פאָהרען, קיינער ניט וויסענדיג וואוהין. הונדערטער זענען דאָרט דערשטיקט געוואָרען. די צוגען איז פּערוועהרט געווען זיך אָבצושטעלען ביי א סטאַנציע, וואו מען האָט געקענט קריגען אויב ניט קיין שפּייז, ווענינגסטענס וואַסער דעם דורשט צו שטילען.

און אַזוי האָט מען גאַנצע אידישע קהילות, די שעהנסטע אידישע צענטרען, אין בהמות־וואַגאָנער צוזאַמענגענומען און זיי געיאָגט פון איין אָרט צום אַנדערן. פון לובלינער, ראַדאָמער, קאָוונער און קורלענדער גובערניעס איז דאָס אידישע, נאָך לאַנגע יאָהרען שווער־פערהאָרעוועטע האָב און גוטס, אַוועק מיט׳ן פייער אָדער דורך די הענד פון היימישע און פרעמדע רויבער.

אָבער ניט אַלע פּערטריבענע האָבען געהאַט די זכיה צו פאָהרען מיט באַהנען; צעהנדליגע טויזענדער אידען, קראַנקע, פרויען מיט פיצעלעך קינ־דער אויף די הענד האָבען זיך געמוזט זוכען א נייע היים געהענדיג צו־פוס דורך וויסטע פעלדער און וועלדער, דורך זומפּען אָדער טיעפע שנעען. פּונקט אין דער צייט פון דער גרויסער פּערטרייבונג האָבען אין רוסלאַנד געהערשט גרויסע קעלטען. די שוואַכערע און קראַנקע זענען געפאַלען טויט אויפ׳ן וועג און געפונען זייערע קברים אינ׳ם ווייסען שנעע; טויזענדער, אפילו געזינ־טערע, זענען פון די וואַנדערונגען קראַנק געוואָרען, און עס האָט זיך אָנגעהויבען פערשפּרייטען צווישען די פּערטריבענע שרעקליכע אַנשטעקענדע קראַנקהייטען, וואָס האָבען פערצעהרט הונדערטער פאַמיליעס.

אויב די עלטערע האָבען דעם דאָזיגען שרעקליכען גלות נאָך ווי עס איז איבערגעהאַלטען, האָט אָבער דער טויט געבושעוועט מיט זיין גאַנצער קראַפט צווישען די יונגע קינדער. עס איז דאָ א בעהויפּטונג, אַז ביז פ י נ ף ־ א ו ן ־ פ ע ר צ י ג ט ו י ז ע נ ד י ו נ ג ע ק י נ ד ע ר א ו נ ט ע ר 5 י אָ ה ר ז ע נ ע ן א ו י ס ג ע ש ט אָ ר ב ע ן.

די ערשטע פּערטריבענע, פאַר דעם גרויסען גירוש האָבען כאָטש געהאַט וואוהין צו לויפען; די גרויסע אידישע מוטער־שטאָדט ווארשוי האָט זיי אויפ־גענומען און זיך אויפגעאָפּפערט, אבי זיי ניט צו לאָזען פערהונגערען. אָבער דער גרויסער גירוש האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצען אידישען ישוב, און אַזעלכע קהילות, וואָס האָבען ביז איצט אויסגעהאַלטען טויזענדער אידישע פּערטריבענע, האָבען איצט אויף זיך אַליין געמוזט אָנטהאָן די בעטלער־טאָרבע מיט׳ן וואַנ־דער־שטעקען און געהן וואו די אויגען טראָגען, צוזאַמען מיט די פּערטריבענע, וואָס זיי האָבען ביז איצט אויסגעהאַלטען.

דאָס רוסישע מיליטער, זיך צוריקציהענדיג אַלץ טיעפער צו זיך אין לאַנד אריין האָט פאַר׳ן שונא ניט געוואָלט לאָזען די קלענסטע זאַך, וואָס האָט פאַר איהם געקענט האָבען א ווערט. און אויב די אידישע שטעדט זענען נאָך ניט

געווען פאַלשטענדיג פערוויסט דורך די רוסען אוים פיינדשאַפט צו די אידען, האָבען זיי עם פערענדיגט אוים „מיליטערישער נויטווענדיגקייט”. און ווען פיעל טויזענדער אידען, וואָס האָבען זיך פאַר די רוסען אויסבעהאַלטען אין די זומפּען און אין די וועלדער, זענען צוריקגעקומען אין שטאָדט אריין, בעת די דייטשען האָבען זיי געהאַט פערנומען, האָבען זיי זעהר אָפט ניט דערקענט אפילו זייער אייגענע גאַס און הויז — אזא חורבן האָבען די רוסען געמאַכט פון דער שטאָדט פון וועלכער זיי האָבען זיך געמוזט ענדגילטיג צוריקציהען.

דער גורל פון די פערטריבענע.

וואו זענען די הונדערטער טויזענדער פערטריבענע אהינגעקומען? וואָס איז פון זיי געוואָרען? ווי אזוי לעבען זיי?

דער גוישער וועלט איז מיט א יאָהר צוריק בעקאַנט געוואָרען, אז רוסלאַנד האָט אָבגעשאַפט דעם תחום פאַר אידען. דער אמת איז, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט א רוסישער דומא־דעפּוטאַט, אז די טשערטאַ האָט אָבגעשאַפט קייזער ווילהעלם. עס איז אייגענטליך ניט געווען וואָס אָבצושאַפען, ווייל איבער דער טשערטאַ האָט געהערשט דייטשלאַנד. פאַר די פערטריבענע אידען, וועלכע זענען געוואָרען אַן אמת׳ער אוואַנגאַרד פון אַנטלויפענדען רו־סישען מיליטער, איז געעפענט געוואָרען דאָס גרויסע רוסלאַנד. אָבער דער ווילקיר פון די רוסישע גובערנאַטאָרען האָט געווילדעוועט איבער די אידישע אומגליקליכע קעפּ, נישט קוקענדיג אויפ׳ן אָפּיציעלען אוקאַז, אז מען זאָל די אידען אריינלאָזען אין די אינערליכע רוסישע גובערניעס. דער סמאָלענסקער גובערנאַטאָר האָט ניט אויפגעהערט ארויסצושיקען פון דאָרט די אידען ניט אכטענדיג אויפ׳ן אוקאַז. דער קיעווער גובערנאַטאָר האָט זאָגאר זיך אָבגע־זאָגט צו פּערפּענטליכען דעם מיניסטערישען דעקרעט ערשט ביז סעפּטעמבער, זעקס וואָכען נאָכדעם ווי דער דעקרעט איז ארוים. פון קאַווקאַז, טאָמסק, וולאַדיוואָסטאָק און סיביר ווערען זיי ארויסגעשיקט, נישט קוקענדיג, וואָס לויט׳ן אוקאַז מעגען זיי דאָרט וואוינען.

ווען צום פּאָלטאַווער גובערנאַטאָר איז געקומען א אידישע דעלעגאַציע ער זאָל ערלויבען ברענגען אויפ׳ן וואָקזאַל עסענוואַרג פאַר די פּליכטלינגע, האָט ער זיך צושריען: „וואָס, איהר ווילט זיי נאָך העלפען?! די תליה איז דאָך פאַר זיי ווענינ!“

און אין פיעלע אַנדערע שטעדט וואו מען האָט זיי שוין יאָ געלאָזען זיך בעזעצען, האָט זיך אָנגעהויבען געגען זיי א רייהע בלבולים, בעליידיגונגען און פערפאָלגונגען.

די הילף־בעוועגונג אין רוסלאַנד.

אָבער דער גרויסער אומגליק, וואָס איז בעפאַלען דאָס פּוילישע און ליט־ווישע אידענטום האָט געשטעלט אויף די פיס און דערמאָהנט די איבריגע

אידען פון רוסלאַנד, וואָס זענען פון דירעקטען אידישען חורבן נישט בעריהרט געוואָרען, אָן זייער פליכט וואָס זיי האָבען צום פּעראונגליקטען טייל פון רוסישען אידענטום.

דורך דער איניציאַטיוו און אונטער דירעקטער אויפזיכט פון פּעטראָגראַדער אידישען צענטראַל קאָמיטעט האָבען זיך אָרגאַניזירט הילפס־קאָמיטעען איבער'ן גאַנצען אידישען תחום און אין די אַלע שטעדט, וואו די פּעריאָגטע אידען זענען אָנגעקומען, ווי: וואַרשוי, מאָסקווא, קיעוו, אָדעס, חאַרקאָוו. די יק"א, די חברה מפיצי השכלה, די אידישע היגיענישע געזעלשאַפט, די געזעלשאַפט פאַר פערשפּרייטונג פון אינדוסטריע און מלאכה צווישען די אידען אין רוסלאַנד און פיעל אַנדערע אידישע אָרגאַניזאַציעס האָבען מאָביליזירט אַלע זייערע מאַטעריעלע און אָרגאַניזאַטאָרישע כחות צו דער הילפס־אַרבייט. שליחים פון פּעטראָגראַדער צענטראַל־קאָמיטעט זענען ארומגעפאָהרען איבער אַלע אידישע ישובים אָרגאַניזירענדיג אומעטום אָרטיגע הילפס־קאָמיטעען.

זיי האָבען עס געטהאָן מיט אַן איבערראַשענדער טיכטיגקייט און אויפּאָפּפערונג. זיי האָבען אָרגאַניזירט הילף, אויסגעהיט, ווי וויית עס האָט זיך געלאָזען, הונגער־טויט, קעלט און קראַנקהייט א האַלבען מיליאָן וואַנדערענדע אידען, וואָס האָבען זיך צושפּרייט אויף הונדערטער מיילען וויית ארום אין און אויסער דער טשערטאַ.

דער פּעטראָגראַדער צענטראַל־קאָמיטעט שטעהט אין פערבינדונג מיט 320 שטעדט, וואו עס געפינען זיך אַלע אידישע מלחמה־ליידענדע. טויזענדער ביליגע קיכען זענען אומעטום געעפענט געוואָרען, וואו עס איז צוטיילט געוואָרען בחינם'דיגע מאָהלצייטען, און אויב ניט בחינם איז פאַר גאָר א קליינעם פּרייז. אין וואַרשוי אַליין זענען געעפענט געוואָרען ביז צוואַנציג ביליגע קיכען, וואו עס זענען טעגליך אויסגעטיילט געוואָרען 30,000 מאָהלצייטען, צו 3, 4 אָדער 5 קאָפּיקעס א מאָהלצייט. א חוץ דעם זענען 10,000 מאָהצייטען טעגליך אויסגעטיילט געוואָרען אינגאַנצען בחינם, פאַר אַזעלכע, וואָס זענען לחלוטין פעראָרימט געוואָרען.

דער קאָמיטעט האָט אויך געעפענט א גאַנצע רייהע קראָמען, וואו עס זענען פערקויפט געוואָרען די נויטיגסטע לעבענס־מיטלען פאַר זעהר ביליגע פּרייזען. ער האָט געגרינדעט גמילת חסדים אנשטאַלטען, וועלכע האָבען אויסגעליהען קלענערע סומען געלד אויף משכנות, און אפילו אָהן משכנות.

דאָס איז אָבער נאָר ד י ע ר ש ט ע הילף וואָס מען האָט די אומגליקליכע געקענט געבען. די געלד־מיטלען וואָס דער קאָמיטעט האָט פאַר דער הילפס־אַרבייט איז שרעקליך קליין אַקעגען דער גרויסער נויט וואָס ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ גרעסער. עס מוזען געשטיצט ווערען ניט נאָר פליכטלינגע נאָר אויך די, וואָס זענען געבליבען אויף זייערע פּלעצער.

פאַר טויזענדער קינדער־יתומים זענען איינגעאָרדענט געוואָרען ספּעציעלע שולען; די בעקאַנטע קינדער־היימען, וואָס האָבען צו פערדאַנקען זייער

קיום דעם גרויסען אידישען דיכטער י. ל. פרץ. דאָס זענען ניט נאָר שולען, וואו די היימלאָזע עלענדע קינדער ווערען ערצויגען, דאָס זענען אויך זייערע ה י י מ ע ן, וואו זיי ווערען געקליידעט און געשפּייזט.

די לאַגע פון די איבערגעבליבענע.

א גאַנצע רייהע אידישע פּרנסות זענען אינגאַנצען אונטערגעגאַנגען; די פאַבריקען זענען געשלאָסען און דער הונגער האָט זיך אריינגעריסען אפילו ביי די, וואָס זייערע היימען זענען ניט צושטערט. אין ליטאַ, וואו עס וואוינט א האַלבער מיליאָן אידען זענען 250,000 אין דער שרעקליכסטער נויט. אין קורלאַנד מוזען זיעבציג טויזענד אידען אויסגעהאַלטען ווערען פון צדקה, ניט האָבענדיג אפילו אויף א מאָהלצייט אָבצועסען. אין טיעף רוסלאַנד זענען פערטריבען געוואָרען מעהר ווי 200,000 אידען, וואָס זענען ניט נאָר הונגעריג נאָר אויך נאַקעט און באָרוויס.

דער פּעטראָגראַדער צענטראַל־קאָמיטעט האָט לעצטען יאָהר צוגעשטעלט צו די אַמעריקאַנער אידען א רעכנונג, אז זיי ברויכען האָבען מינדעסטענס א האַלבען מיליאָן רובעל א מאָנאַט אויף צו שטילען דעם הונגער פון די אומגליקליכע.

איצט, ווען פוילען און ליטאַ געפינען זיך אונטער דער דייטשער הער־שאַפט, איז די לאַגע נאָך געוואָרען פיעל שרעקליכער. אויב עס איז שוין מעהר נישטאָ קיין ספּעציעלע פערפאָלגונגען געגען זיי, האָט אָבער דער גרויסער שפּייז־מאַנגעל, וואָס הערשט אין גאַנץ דייטשלאַנד, נאָך מעהר זיך אָבגערופען אויף די פערנומענע פּראָווינצען. ד צוריקגעהענדע רוסען האָבען פערברענט און פערניכטעט די תבואה אויף די פעלדער, און די איבריגע לעבענס־מיטלען האָבען זיי פערנומען וויפיעל זיי האָבען נאָר געקענט און דאָס איבריגע צו־שטערט. פון די אַנדערהאַלבען מיליאָן אידען וואָס געפינען זיך אין דער טערי־טאָריע, וואָס די דייטשען און עסטרייכער האָבען בעזעצט, האָבען 200,000 לחלוטין פערלוירען זייערע היימען, און זייער האָב און גוטס.

לויט דעם בעריכט וואָס ד"ר פּאול נאַטהאַן האָט אָבגעגעבען פון זיין צווייטער רייזע אין פוילען געפינען זיך בלויז אין פּעטריקאָווער און קאַלישער גובערניעס 120,000 אידען, וואָס נויטיגען זיך אין שטיצע.

אין קאַליש גופא איז די לאַגע נאָך ערנסטער. פון די דרייסיג טויזענד אידען, וואָס געפינען זיך דאָרט, זענען צעהן טויזענד אינגאַנצען רואינירט. די איינבינדער, קירזשנער, שוסטער, גלעזער, סטאָליאַרעס, בלעכער, שניידער און ביז אכט טויזענד טויזענד שטיקעריי־ארבייטער געפינען זיך אין דער גרעסטער נויט.

פון די 110 טויזענד אידען, וואָס געפינען זיך אין לאָדזש, נויטיגען זיך א העלפט פון זיי אין שטיצע. אין טשענסטאָכאָוו און דאָמבראָוו הערשט א בוכשטעבליכער הונגער. שווינדזוכט און אַנדערע אנשטעקענדע קראַנקהייטען בושעווען ווילד ארום צווישען דער בעפעלקערונג און פערצעהרען זיי.

אין ווארשוי, דערצעהלט דר. פאול נאטהאן, זענען געגרינדעט געוואָרען 57 אנשטאַלטען פאַר די אידישע פליכטלינגע. ביז ענדע סעפטעמבער 1915 איז אויף זיי אויסגעגעבען געוואָרען ארום 391 טויזענד רובעל.

אָבער צווישען די ווארשויער איינוואוינער גופא הערשט די שרעקליכסטע נויט. צעהנדליגע טויזענדער פאַמיליעס ליידען איצט דאָרט הונגער.

„אין מאנכע געגענדען, פון וואנען די אידען זענען זיך צולאָפען, זענען די אידישע הייזער איצט נישט צו דערקענען; זיי שטעהען נאָך אויף זייערע פונדאַמענטען, אָבער זיי זיינען לעער, אויסגעפלינדערט, צושעדיגט, די מעבעל און סחורות צוראבירט, טהיר און פענסטער האָבען די ארומיגע פּאָליאַקען אלס האָלץ־מאַטעריאַל פערברענט". — אזוי שרייבט דר. פאול נאטהאן וועגען „מאנכע געגענדען". די דאָזיגע „מאנכע געגענדען" זענען דער צענטער, דער אויפהאַלטס־פּלאַץ פון דעם לעבעדיגסטען טייל פון אידישען פאָלק. איצט זענען די געגענדען פערוויסט, פערברענט און מיט אש בעדעקט, און די איינוואוינער האָבען זיך צוזעעט און צושפּרייט אויף טויזענד וועגען און ווארטען, מיט א פערצווייפעלטען בליק אין דער צוקונפט, אויף דאָס טעגליכע שטיקעל טרוקענע ברויט...

עסטרייך.

די רוסען אין גאַליציען.

אויב דער רוסישער חוליגאַניזם האָט גערארפט האָבען פאַר דער גרויסער וועלט א פערענטפערונג פאַר דעם בלוטיגען פּאָגראָם אויפ'ן גאַנצען רוסלאַנדי־שען אידענטום, האָט ער עס צו זיין פערטיידיגענדער פאָליטיק געגען די גאַלי־צישע אידען ניט געדארפט האָבען.

זיי, די אידען פון גאַליציען און בוקאָווינא, זענען דאָך שוין אודאי פיינד פון רוסלאַנד, און זיי האָבען דאָך רעכט אזוי צו זיין.

און געגען די אַלע גוואַלדטהאַטען, רויבערייען און מאָרדען וואס האָט זיך געשאָטען אויף די אידישע קעפּ אין גאַליציען, בעת די רוסען האָבען דאָרט געהאַלטען אין איין זיעגען, האָט די וועלט אפילו ניט געקענט פּראָטעסטירען; רוסלאַנד האָט געקענט טענה'ן: מיר געפינען זיך אין אן איינגענומענע לאַנד און אין א לאַנד, וואו די אידען זענען די איינציגע פיינד אונזערע.

און ווירקליך זענען די אידען אפשר געווען די איינציגע רוסישע פיינד אין פערנומענעם גאַליציען. מיט שרעק און פערצווייפלונג האָבען זיי אויפ־גענומען די נייעס פון יעדען רוסישען זיעג. ערשטענס דערפאַר, ווייל פאַר יעדען רוסישען זיעג האָבען די גאַליציאַנער אידען שווער און בלוטיג בעצאָהלט, און צווייטענס האָבען די גאַליציאַנער אידען ליעב זייער פאַטערלאַנד—עסטרייך, און עסטרייך'ס מפּלה איז אויך געווען זייער מפּלה. גראף באָברינסקי, דער

רוסישער גענעראַל־גובערנאַטאָר, וואָס איז בעשטימט געוואָרען איבער גאַלי־ציען, האָט זיך באַלד גענומען איינאָרדנען „רעפאָרמען“ בנוגע די גאַליצישע אידען. ער האָט אויסגעפונען, אז ס'איז אַן עולה, אז זיי זאָלען האָבען מעהר רעכט ווי זיינע אייגענע, פוילישע און רוסישע אידען, און ער האָט זיך שוין געקליבען צושטעלען דער צענטראַלער רעגירונג געזעץ־פּראָיעקטען וועגען דעם; זענען אָבער אונטערגעקומען די דייטשען, איהם פעריאָגט, און דערמיט זיינע פּלענער צושטערט.

די הערשאַפט פון די רוסען אין גאַליציען האָט געדויערט עפּעס העכער ווי א יאָהר צייט. אָבער דאָס יאָהר האָט געלאָזט נאָך זיך טיפע שפּורען אין דער געשיכטע פון די אידען אין גאַליציען.

פון קרוב צו א מיליאָן אידען, וואָס וואוינען דאָרט, האָט א האַלבער מיליאָן געלאָזען זייער האָב און גוטס, הייזער און גיטער און געוואָרען נע־ונד'ניקעס, געלאָפען וואו די אויגען האָבען זיי געטראָגען.

די ערשטע ידיעות וועגען די מערדערייען און רויב מהאטען וואָס די רוסען זענען בעגאַנגען געגען די אידען פון די גאַליצישע גרעניץ־שטעדטלאַך, גלייך ווי די מלחמה האָט זיך נאָר אָנגעהויבען, האָט ארויפגעוואָרפען א פחד און טע־ראָריזירט דאָס גאַנצע גאַליצישע אידענטום. ווען די אידען זענען געוואָהר געוואָרען, אז דער שונא איז שוין נאָהענט פון שטאָדט — איז פון דער שטאָדט א בית־עולם געוואָרען. און די שרעק איז קיינמאָל כמעט קיין אומזיסטע ניט געוועזן. ווי נאָר די רוסען פלעגען אריינקומען אין א שטעדטעל, פלעגען זיי גלייך אויפזוכען דעם אידישען קוואַרטאַל און פון אַלץ געמאַכט אש און תל. אין צעהנדליגע שטעדטלאַך פלעגען די רוסען דער'הרג'ענען אָדער נעהמען אַלס משכנות און אוועקשיקען קיין סיביר די אָנגעזעהענסטע אידען. די פערבלי־בענע אידען אין אַן אייגענומענער גאַליצישער שטעדטעל פלעגען יעדע מינוט זיין אין געפאַהר אָדער בעשולדיגט צו ווערען אַלס שפּיאָנען, אויפ'ן סמך פון א מסירה, אָדער גלאַט בערויבט ווערען אָהן וועלכער עס איז אורזאַך אָדער אויסרייד.

אָבער טעראָר און רויבערייען זענען נור געוועזן איינע פון די רוסישע הערשאַפטס־מעטאָדען. דערצו איז צוגעקומען נאָך א שרעקליכער מיטעל: פערניכטונג. צעהנדליגע אידישע שטעדטלאַך זענען אוועק מיט'ן פייער און אָבגעווישט געוואָרען פון דער ערד ניט נאָר פון די קעמפפענדע ארמעען, נאָר פון רוסישע אונטערצינדער. אויף אויסצורויבען אָדער פערברענען א שטעד־טעל איז פאַר די רוסען גענוג געוועזן א נישטיגער אויסרייד, א פערדאַכט אויף וועמען עס איז.

דעלאַטין, קאַלאָמעא, גוואזדעץ, האָראָדענקאָ, זאַסטאַוונע, קאַצמאַן, סניאַטין־אושאַן, באַליגראַד, דעמביצע, רימאַנאָוו, טאַרנאָברזשיג, פּילזנאַ, בעלז, קוטשאַטש, סקאַלאַט, סטאַניסלאַוו, סטראַטשיניץ, פּאָדהייצאַ, טורקאַ, בראָד, ציעשאַנאָוו, ביאַלי־קאַמיען, פּשעמישל, טשערנאָוויץ—דאָס איז נאָר א קליינער טייל פון די

געליטענע בערויבטע אָדער אינגאַנצען אומגעקומענע שטעדט און שטעדטלאַך. די גרויזאַמקייטען וואָס די רוסען האָבען בעגאַנגען געגען דער אָרטיגער אידישער בעפעלקערונג איז מאַטעריאַל פאַר אַ גרויסער נייער אידישער מאַרטירער־געשיכטע. איין מאַרטירער־שטעדטעל וועלען מיר נאָר פון זיי אַלע דערמאָהנען און דאָס וועט אונז דיענען פאַר אַן אילוסטראַציע, וועגען דעם וואָס די אידען אין פיעל אַנדערע אַזעלכע שטעדטלאַך האָבען געהאַט אויסצושטעהן.

אין יאַנואַר 1915 איז אין באָהאָראָדזשאַני אָנגעקומען אַן אָבטיילונג פון עסטרייכיש־פוילישע מיליטער. זיי האָבען פערלאַנגט פון דער בעפעלקערונג שפּייז. און די דאָרטיגע בעפעלקערונג האָט זיי דערין נאַטירליך נישט אָבגעזאָגט.

ווען די רוסען זענען דערפון געוואָהר געוואָרען, האָבען זיי געשיקט אין שטעדטעל אריין אַ שטראָף־עקספּעדיציע פון 4 „סאָטניעס” קאָזאַקען. קודם כל האָבען זיי אונטערגעצונדען די שטאָדט פון אַלע פיער זייטען; די אידישע פרויען און מיידלאַך האָבען זיי ארויסגעשלעפּט פון די בעהעלטענישען און זיי אַלע צוזאַמענגעקליבען אין מיטען מאַרק. און דאָ האָבען זיי, אונטער'ן פרייען הימעל די פרויען געשענדעט און געפּייניגט. שפּעטער האָבען די קאָזאַקען אונטער דער נאַגאַיקע געטריבען די האַלב־נאַקעטע און פער'חלש'טע אומגליקליכע פרויען צו־פוס קיין סטאַניסלאַוו.

די לאַגע פון די פערבליבענע און אַנטלאָפענע.

צו די רוסישע אכזריות'ן, צו די טויזענדער פערוויסטע היימען, צום גרויסען ווילדען הונגער וואָס האָט פערצעהרט און דערשלאָגען די דאָרטיגע אידען איז צוגעקומען נאָך אַ פיערטער אומגליק: מגפות.

מען ווייסט נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג ניט די אמת'ע צאָהל פון די, וואָס זענען אומגעקומען פון אנשטעקענדע קראַנקהייטען. דאָ וואו די רוסען האָבען שוין ניט געקענט צוקומען, איז געקומען די כאָלערא, דער שוואַרצער־בלאַטער און דער הונגער־טיפוס און האָבען געמאַכט אַ חורבן צווישען טויזענדער אידישע פאַמיליעס.

צווישען די אַנטלאָפענע ווען עס איז אויסגעקומען צו לעבען אונטער די ערגסטע היגיענישע בעדינגונגען, צוזאַמענגעפּאַקט אין באַראַקען, ווי הערינג אין אַ פאַס, אָנגעשראָקענע, קראַנקע אָדער הונגעריגע, האָט די מגפה זיך געמאַכט דאָרט אַ שטענדיגען נעסט און טאָג־טעגליך געריבט הונדערטער לעבענס.

דער גורל פון די אַנטלאָפענע גאַליצישע אידען איז ניט געווען פיעל בעסער פון די, וואָס זענען פערבליבען אין זייערע היימען, אונטער דער רוסישער קנוט. די פליכטלינגע, וואָס זענען אָנגעקומען אין וויען זענען דאָרט אויפגענומען געוואָרען בעזווילליג און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַן אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע, אַז מען זאָל זיי פון דאָרט ארויסשיקען. עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אפילו אַזעלכע פליכטלינגע, וואָס האָבען זיך געקענט אויפהאַלטען אויף זייער אייגע־

נעם חשבון האָט מען אין וויען ניט ערלויבט צו פערבלייבען. נאָך ערגער זענען די אנטלאָפענע אויפגענומען געוואָרען אין בודאפעסט. דאָרט האָט מען אויף זיי געמאכט איינפּאַכע רוסישע אָבלאַוועס און זיי אין די הונדערטער צוריק־געשיקט אין די שטעדטלאַך, וואָס אַרום דער פייער־ליניע.

איצט האָט שוין א גרויסער טייל פון די אַנטלאָפענע צוריקגעקעהרט אין זייערע היימען, אָבער טויזענדער פון די צוריקגעקומענע האָבען שוין זייערע היימען נישט געפונען. זיי האָבען דאָרט געפונען רואינען, חורבות און בית־עולם׳ס.

דער דעלעגאַט פון די רוסישע זעמסטוואָס, ראַטאָוו, וועלכער איז גע־שיקט געוואָרען פון דער רוסישער רעגיערונג קיין גאַליציען אויסצופאָרשען די לאַגע פון די דאָרטיגע איינוואוינער, האָט פּערעפּענטליכט א מעלדונג מיט א יאָהר צוריק, אַז לויט זיין אויסרעכנונג איז דעמאָלט אין גאַליציען געווען ביז פופציג טויזענד אידישע פאַמיליעס, וואָס האָבען בוכשטעבליך געהונגערט, אויסגעגאַנגען פאַר א שטיקעל ברויט. — דאָס איז וועגען די וואָס זיינען גע־בליבען ביי די רוסען.

און דר. בלאָך שרייבט כמעט אין דערזעלבער צייט וועגען די אַנטלאָפענע אַט־וואָס: „איהר קענט איצט זעהן, ווי באַנקירען פון טאַרנאָוו און טאַרנאָפּאָל בעטלען איצט קליידער און וועש פאַר זיך און זייערע קינדער. בעריהמטע שריפטשטעלער, קינסטלער, געלעהרטע, רבנים — אַלץ און אַלע לעבען פון טעגליכען צוגעטיילטען שטיקעל נדבה־ברויט“.

אמת, די עסטרייכישע רעגיערונג טיילט אויס צו עטליכע גראָשען א טאָג פאַר די גאַליטענע, אָבער אויך פון דער דאָזיגער מאָגערער שטיצע ווערען צעהנדליגע טויזענדער אידען אָבגעזאָגט, צוליעב דעם, וואָס זיי האָבען בעת זייער חתונה זיך בענוצט בלויז מיט׳ן מסדר קדושין און ניט געהייראַט אָפיציעל ביים מאַגיסטראַט. אַזעלכע אידען זאָגט זיך אָב די עסטרייכישע רעגיערונג צו שטיצען.

מען דאַרף דערביי ניט פערגעסען, אַז דאָס אידישע לעבען אין גאַליציען נאָך פאַר דער מלחמה איז געווען פון א ביטערער אָרימקייט. — צעהנדליגע אידישע שטעדטלאַך האָבען געלעבט פון דער לופט, פרנסות האָבען זיך געהאַלטען אויף פאַפירענע פונדאַמענטען און אין פיעל אופנים האָט זיך די אידען אין גאַליציען מאַטעריעל ערגער געלעבט ווי די אידען אין פּוילען.

פּאַלעסטינאַ.

„איינגעשלאָסען צווישען ים און מדבר, אָבגעשניטען פון דער איבריגער וועלט, אָרעם פון פריהער און פעראָרימט ביז צום לעצט פון א יאָהר מלחמה־צושטאַנד, ראַנגלען זיך הונדערט טויזענד אידישע נפשות מיט די שרעקליכסטע פון אַלע נויטען — מיט׳ן הונגער“. — דערמיט הויבט זיך אָן דער אויפרוף וואָס

דאָס פּראָוויזאָרישע ציון־קאָמיטע האָט מיט אַ קנאַפּן יאָהר צוריק אַרויסגע־לאָזען פאַדערענדיג שטיצע פאַר די אידען אין פּאַלעסטינאַ. וואָרום דער הונגער וואָלט אין פּאַלעסטינאַ געבושעוועט אַפילו דעמאָלט, ווען טערקיי וואָלט גאָר אינגאַנצען אין דער מלחמה ניט אַנטיילגענומען. מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז דריי פערטעל פון די דאָרטיגע אידען האָבען געלעבט פון חלוקה, פון צדקה־אינסטיטוציעס און פּריוואַט־שטיצע אַפילו אין פריעדענס־צייט. מיט׳ן אויס־ברוך פון דער מלחמה איז פּאַלעסטינאַ כמעט ווי אָבגעשניטען געוואָרען פון דער וועלט און דערמיט אויך פון דער חיונה.

מיט טערקיי׳ס אַריינטרעטען אין קריעג איז די לאַגע ערשט געוואָרען פיעל אונערטרעגליכער. וואָרום אַ חוץ וואָס פון טויזענדער מענשען איז אַוועקגע־נומען געוואָרען זייער איינקונפט האָבען די רוסישע אידען דאָרט אָנגעהויבען ליידען אַלס „אויסלענדישע פיינד". עס האָט זיך געגען זיי אָנגעהויבען אַ גאַנצע רייהע פערפאָלגונגען. מען האָט געפאָדערט פון די רוסישע אידען, זיי זאָלען ווערען טערקישע אונטערטאַנען און אויב ניט — זאָלען זיי פערלאָזען דאָס לאַנד.

פון די הונדערט טויזענד פּאַלעסטינישע אידען זענען ביז אַכט טויזענד פעריאָגט געוואָרען אָדער האָבען פרייווילּיג אויסגעוואַנדערט. ביז זעקס טוי־זענד פון זיי זענען אָנגעקומען קיין אַלעקסאַנדריען. פון די דאָזיגע זעקס טויזענד אידען זענען ביז 65 פּראָצענט געווען אַבסאָלוט אָהן מיטלען צום לעבען.

די גרויסע נויט פון די, וואָס זענען פערבליבען אין פּאַלעסטינאַ איז וואָס אַ טאָג שטאַרקער געוואָרען. די רעגיערונג האָט קאָנפיסקירט אַ גרויסען טייל פון די תבואות. פון דער שיף מיט שפּייז וואָס די אַמעריקאַנער אידען האָבען אַוועקגעשיקט צו די הונגעריגע אידען אין ארץ ישראל, איז אַ גרויסער טייל אַריינגעפאַלען אין ניט־אידישע הענד.

אָבער אַ חוץ די נויט, וואָס איז געקומען דורך דער מלחמה, האָט זיך נאָך אַריינגעמישט אַ היימישער נאַטור־אומגליק. עס איז געקומען דער הייזשעריק און האָט פערענדיגט, דאָס וואָס די טערקישע רעגיערונג מיט איהרע קאָנפיסקאַ־ציעס האָט אָנגעהויבען. די אידישע קאָלאָניסטען, וועלכע זענען כמעט די איינציגע זעלבסשטענדיגע אידען אין פּאַלעסטינאַ, וואָס זענען ניט אָנגעוויזען אויף שטיצע, זענען בדיל הדל געוואָרען. אַפילו אַזעלכע פּראָדוקטען, וואָס איז שוין געשאָנעוועט געוואָרען אי פון דער טערקישער רעגיערונג, אי פון׳ם הייזשעריק, האָבען דעם קאָלאָניסט גאָרניט געקענט איינברייגנגען. וואָרום די גאַנצע וועלט איז פאַר פּאַלעסטינאַ פערמאַכט געווען און דער עקספּאָרט איז אינגאַנצען געוואָרען אָבגעשטעלט.

לויט די סטאַטיסטיק וואָס דער פּאַלעסטינאַ־אַמט האָט צוזאַמענגעשטעלט האָבען, ווי געזאָגט, ביז 8000 אידען פערלאָזען פּאַלעסטינאַ אין פערלויף וואָס די מלחמה דויערט. פון זיי זענען 4000 אַוועק פון יפו, 2000 פון ירושלים, 1500 פון די קאָלאָניעס אין יהודה און 500 פון די גליל קאָלאָניעס.

סערביען.

פאַר די אידען אין די באַלקאַן־לענדער איז די אייראָפּעאישע מלחמה געקומען ווי אן אַלטער, גוט־בעקאַנטער גיהנום. זיי האָבען זיך נאָך ניט געהאַט אפילו אויסגעהיילט פון דער ערשטער באַלקאַנישער מלחמה, טויזענדער אידען האָבען נאָך גוט געפיהלט דעם חורבן פון איהר און שוין איז אונטערגעקומען אָט דער וועלט־איבערקעהרענדער אומגליק וואָס האָט זיי ווידער אריינגעבראַכט אין א צושטאַנד פון פערצווייפלונג און הילפלאָזיגקייט.

דעם ביטערסטען גורל פון אַלע אַנדערע באַלקאַן־לענדער איז אויסגעפאַלען אויף די אידען אין סערביען. און דאָס איז זעהר פערשטענדליך. סערביען אַליין האָט פון דער מלחמה מעהר געליטען ניט נאָר אין פערגלייך מיט איהרע שכנים, נאָר מעהר ווי יעדער אַנדער פאָלק, וואָס איז אין דער מלחמה אריינגעשלעפט געוואָרען.

פאַר דער באַלקאַן־מלחמה זענען אין סערביען געווען ביז 8 טויזענד אידען. אָבער מיט די צוגעקומענע סערבישע פּראָווינצען האָט די אידישע בעפעלקערונג געצהלט ביז 35 טויזענד. פון זיי האָבען אין בעלגראַד געוואוינט 7000. דער טשיעף ראַבי פון סערביען, דר. אַלקאַליי, וועלכער איז געקומען קיין לאָנדאָן שאַפען שטיצע פאַר די דאָרטיגע רואינירטע אידען, האָט דערצעהלט, אַז בעת בעלגראַד איז געפאַלען און ער איז אַנגעקומען קיין ניש האָט ער דאָרט געטראָפען פיער טויזענד אַנטלאָפענע אידען וואָס זענען געווען נאַקעט און הונגעריג און עס איז ניט געווען פון וואַנען זיי די נשמה צו דערהאַלטען. די אידען פון ניש האָבען אָבגעגעבען כמעט א העלפט פון זייער פערמעגען — אָבער דאָס האָט אַלץ ניט געקלעקט. און די אידען פון סערביען האָבען זיך געווענדעט מיט א ריהרענדען אויפרוף צו די אידען פון דער וועלט אין וועלכען עס ווערט צווישען אַנדערעם געזאָגט דאָס פאָלגענדע:

„דיעזער גרויסער אומגליק האָט געטראָפען בעזונדערס שווער די אידען פון סערביען, טויזענדער אידען זענען געצוואונגען געווען צו פערלאָזען זייערע היימען און לויפען וואו די אויגען האָבען זיי געטראָגען. די באָמבאַרדירונגען, וואָס זענען אָנגעגאַנגען די לעצטע דריי מאָנאַטען ביי די ברעגען פון דונאַי, סאַווא און דרינא האָבען פערוואַנדעלט אין חורבות און אש אונצעהליגע הייזער, געשעפטען און פאַבריקען — וואָס דאָס איז געווען די פרוכט פון עהרליכע אַרבייט אין פערלויף פון פיעלע יאָהרען. אַלע אידען, מיט זעהר ווייניג אויסנאַהמען, זענען געצוואונגען צו לויפען פון שטאָדט צו שטאָדט, פון דאָרף צו דאָרף, אָהן די מינדעסטע לעבענס־מיטעל. אונזערע קליינע קוועלען זענען אויסגעשעפּט און מיר זענען געצוואונגען זיך צו ווענדען צו אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס נאָך הילף".

רומעניען.

פאַר רומעניען איז אפילו גאָר ניט נויטיג קיין מלחמה, כדי די דאָרטיגע אידען זאָלען דאַרפען ליידען; עס איז גענוג דערצו יעדע קליינע אורזאַך, אָדער אפילו גאָר קיין אורזאַך ניט.

כאָטש רומעניען איז נאָך ביז איצט געבליבען נייטראַל, אָבער מיט אידען־פערפאָלגונגען האָט זי זיך שוין פערזאָרגט נאָך איידער א רומענישער סאָלדאַט האָט א שאָס געטהאָן.

טויזענדער אידישע פליכטלינגע, וואָס זענען אנטלאָפען פון די רוסישע באַנדעס, וואָס האָבען פערפלייצט בוקאָווינאַ, האָבען געקלעהרט זיך צו רעטען אויף דער רומענישער גרעניץ. אין יולי 1915 האָט די רומענישע רעגיערונג ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז אַלע אידען, וואָס געפינען זיך ארום דער גרעניץ־געגענד זאָלען ארויסגעשיקט ווערען טיעפער אין לאַנד אריין. ניט נאָר האָט מען אויף דעם אופן פעריאָגט די אומגליקליכע פליכטלינגע, נאָר אויך הונדערטער אידישע בירגער פון רומעניען, וואָס האָבען אין יענע געגענדען געוואוינט שוין דורות־לאַנג.

דער רומענישער בעפעהל האָט געטראָגען כמעט דעמזעלבען כאַראַקטער וואָס דער רוסישער. אין טייל שטעדט האָט מען די אידען געגעבען צייט 48 שעה און אין אַנדערע ניט מעהר ווי 24 שעה צו פערלאָזען די פלעצער. דערביי האָבען זיי אפילו ניט געטאָרט מיט זיך מיטנעהמען זייער האָב און גוטס; און ווערענדיג פעריאָגט, האָבען זיי זאָגאַר ניט געוואוסט וואוהין זיי פאָהרען.

די אידען אין אַנדערע לענדער.

עס דוכט זיך אוים, אז עס איז ניט איבערגעבליבען קיין איינציג לאַנד פון דער אַלטער וועלט וואו די מלחמה זאָל ניט האָבען אָנגעריהרט די אידען ניט נור אַלס א טייל פון דער בעפעלקערונג, וועלכע מוז אויף זיך טראָגען די פליכטען און צרות, וואָס דאָס גאַנצע לאַנד. דער אידישער חורבן איז געוועזען א צווייפאַכער; דער אַלגעמיין־וועלטליכער, וועלכער האָט אָנגעריהרט די אידען פונקט ווי אַלע אַנדערע פעלקער אין דער וועלט און דער ספּעציעל אידישער חורבן.

די ספּעציעל־אידישע צרות האָבען אויך נישט אויסגעפעהלט אפילו אין די לענדער, וואו עס פאַסט שוין ניט עפענטליך צו מאַכען א חילוק צווישען א איד און א גוי.

דער גורל פון די רוסיש־אידישע אימיגראַנטען אין פּאַריז איז א בעזונדער טרויעריגער קאַפּיטעל אין׳ם גרויסען בוך פון אידישע צרות.

אייגענטליך האָבען זיי, די דאָרטיגע רוסישע אידען, גלייך ביים אויסברוך פון דער מלחמה, ארויסגעוויזען אזוי פיעל פּאַטריאָטיזם צו פראַנקרייך, ווי

עס איז קוים צו גלויבען. אידישע יונגע לייט האָבען אין די טויזענדער זיך אָנגעשלאָסען אָן דעם פראַנצויזישען „אויסלענדישען לעגיאָן". עס האָט זיי ניט אָבגעשראָקען דער פאַקט, אַז די מיטגליעדער פון לעגיאָן ווערען גראָב און ווילד בעהאַנדעלט, אַז דער לעגיאָן איז א שטיעף־קינד פון דער פראַנצויזישער אַרמעע. אָבער דאָס האָט אַלץ ניט געהאָלפען. די פראַנצויזישע אידען־פיינד־ליכע פּרעססע האָט מיט יעדען טאָג אַלץ שטאַרקער געהעצט געגען די אין פּאַריז פערבליבענע, פון רוסלאַנד אַנטלאָפענע אידען. זי האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל זיי מיט געוואַלד אַוועקשיקען אין דער רוסישער אַרמעע אָדער, אַז ניט, זאָלען זיי דיענען אין פראַנקרייך.

אָבער אפילו דאָס ד י ע נ ע ן איז זיי אַזוי לייכט נישט אָנגעקומען. צעהנדליגע פעלען פון ווילדען אַנטיסעמיטיזם האָט זיך אָבגעשפּיעלט אין די טרענטשעס פון פראַנצויזישען שלאַכטפעלד. מען האָט זיי דאָרט בעשולדיגט, אַז זיי זענען געוואָרען פרייוויליגע, ווילענדיג אָפּעסען א גוטע טעלער זופּ. גרויס זענען געווען די מאָראַלישע ליידען פון די טויזענדער יונגע אידען, וואָס האָבען ליעב געהאַט פראַנקרייך, און גרייט געווען איהר זייער לעבען אַוועקצו־געבען. און זיי האָבען עס אַוועקגעגעבען אין א שרעקליך גרויסער צאָהל. זייער רעגימענט איז געשיקט געוואָרען אויף די געפעהרליכסטע פּלעצער, אין הע־לישסטען פייער, און נאָר געצעהלטע פון זיי זענען לעבען געבליבען.

אין פּאַריז זענען ניט געווען די איינציגע מזרח־אידען, וואָס האָבען געלי־טען א דאַנק דעם, וואָס זיי זענען אין לאַנד געווען פרעמדע.

די אידען, וואָס האָבען זיך פאַר די לעצטע צוואַנציג יאָהר בעזעצט אין בעלגיען און דאָרט אָנגעהויבען בויען שעהנע, אידישע קהילות זענען אין פער־לויף פון צוויי טאָג צוזייט און צושפּרייט געוואָרען איבער האָלאַנד, דייטשלאַנד און ענגלאַנד.

דער גרעסטער פּראָצענט איינגעוואַנדערטע אידען אין אַנטווערפּען און בריסעל זענען געווען עסטרייכישע און דייטשע אונטערטאַנען. און אין׳ם מאָ־מענט, ווען דייטשלאַנד האָט ערקלעהרט קריעג צו בעלגיען, האָט בעלגיען זיך קודם כל אָנגעהויבען נוקם צו זיין אָן די דייטשען וואָס וואוינען אין בעלגיען, און אויסגעגאַנגען איז דאָס, זעלבסטפערשטענדליך, צו די אידישע קעפּ. אין פערלויף פון 24 שעה זענען פון אַנטווערפּען פערטריבען געוואָרען ביז פופצעהן טויזענד עסטרייכישע און דייטשע אידען. זיי האָבען אפילו קיין צייט ניט געהאַט עפּעס זיך אויפ׳ן וועג מיטצונעהמען, א חוץ דאָס בעלגישע פּאַפּיר־געלד פאַר וועלכען קיינער האָט קיין פּעני ניט געוואָלט געבען. פיעלע פון די פער־טריבענע האָבען געגלאָטען פאַר די רווכסטע און אָנגעזעהענסטע מענשען פון שטאָדט. זייערע הייזער און שלעסער, האָב און גוטס האָבען זיי געלאָזען אין די הענד פון זייערע גוישע דיענסטען.

אָבער כאָטש די רוסישע אידען זענען פון דאָרט ניט פערטריבען געוואָרען, זענען זיי אָבער אין דער צייט פון די פערביטערטע שלאַכטען און דער בעלאַ־

גערונג פון אנטווערפען אליין אנטלאָפען, ווער קיין האָלאַנד, ווער קיין ענגלאַנד.

נאָך א קרבן פון מזרח־אייראָפּעאישע אידען אין מערב־אייראָפּא האָט די מלחמה געבראַכט, פון וועלכער די אידישע געזעלשאַפט האָט קוים וועָן געהערט. מיר מיינען די אידיש־רוסישע סטודענטען פון די אויסלענדישע אוניווערזיטעטען. זייער צאָהל אין פראַנקרייך, בעלגיען, דייטשלאַנד און די שווייץ האָט דערגרייכט אין פיעלע טויזענדער.

פיעלע פון זיי געפינען זיך אין דייטשלאַנד אלס קריעגס־געפאַנגענע; די אידישע סטודענטען אין דער שווייץ ליידען גרויס נויט צוליעב דעם וואָס פיעל פון זיי זענען אָבגעריסען געוואָרען פון זייערע היימען, און זייערע עלטערען האָבען ניט אָדער קענען זיי קיין געלד ניט שיקען. אין בעלגיען האָבען זיך געפונען העכער טויזענד רוסיש־אידישע סטודענטען. פיעלע פון זיי האָבען זיך אָנגעשלאָסען אלס וואָלונטירען אין דער בעלגישער אַרמעע, און אַנדערע זענען אַוועק קיין ענגלאַנד אָדער האָלאַנד, וואו זייער עקזיסטענץ איז א אונבעשטימטע.

אין פראַנקרייך האָט כמעט דער גרעסטער טייל אידישע סטודענטען וואָלונטירט, און פיעלע פון זיי זענען זאָגאַר ערשיענען אויף דער אָפּיציעלער ליסטע צווישען די העלדען.

און אָט אזוי האָט די מלחמה נישט דורכגעלאָזען קיין איינציגען געביעט, קיין איינציגען טהייל פון אונזער פאָלק. מעהר ווי אויף יעדען פאָלק האָט די מלחמה־לאַסט זיך געלאָזען פיהלען אויפ'ן אידישען רוקען; מיר האָבען אַנטייל גענומען אין אלע שלאַכטען; די אומגליקען האָבען מיט ניט געליטען ווי א פאָלק ליידט, נאָר ווי אלע פעלקער צוזאַמען; מיר האָבען פון דער מלחמה ניט געליטען צוליעב דעם חורבן פון א לאַנד, נאָר צוליעב דעם חורבן פון דער וועלט. מיר האָבען פערזוכט אלע סאָרטען בלוט־פערגיסונגען, פון פּאָגראָמען און מערדערייען ביז אן עהרענהאַפטען פאַלען אויפ'ן „פעלד פון עהרע"... אלע מינים בלבולים, פערדאַכטען און מסירות; ניטאָ קיין טייך וואו אונזער בלוט אין די לעצטע צוויי יאָהר איז ניט געפלאָסען; ניטאָ נאָך אזא טויט פון וועלכען הונדערטער אידען זענען דאָס יאָהר ניט אומגעקומען; ניטאָ אזא שטאָדט וואו מען האָט אונזער האָב און גוטס ניט פערברענט אָדער בערויבט; ניטאָ קיין איין אידישע פאַמיליע וואָס זאָל ניט טרויערען אָדער זיין פערזאָרגט וועגען א מיטגליעד פון איהר, וואָס איז אומגעקומען אָדער וואָס איז פערשוואונדען און מען ווייס ניט וואוהין? מיר האָבען מיטגעליטען מיט אלע פעלקער; די מפּלה פון יעדען פאָלק איז געווען אונזער מפּלה; אָבער דער זיעג פון יעדען פאָלק איז ניט געוואָרען אונזער זיעג...

די הילפס־אַרבייט אין אַמעריקאַ.

ווי גרויס עס זאָל ניט זיין די הילף, וועלכע די אידען אין די מלחמה־לענדער גופא האָבען געקענט געבען זייערע פּעראומגליקטע ברידער, וואָלט עס געווען א טראָפּען אין ים אין פערגלייך מיט דעם, וואָס די נויט האָט געפאָדערט. א גרויסע טייל פון אידישען פאָלק אין רוסלאַנד, פּוילען, גאַליציען און פּאַלעסטינאַ האָבען אויך פאַר דער מלחמה געלעבט בלויז פון דער הילף, וואָס זיי האָבען בעקומען פון זייערע אַמעריקאַנער קרובים. ווען דער חורבן האָט זיך אָנגע־הויבען, און עס זיינען רואינירט געוואָרען ניט נור די אָרימע אָבער אויך די רייכע, דעמאָלט זיינען זיי אינגאַנצען געוואָרען אָנגעוויזען אויף אַמעריקאַ.

דאָס אַמעריקאַנער אידענטום איז געוואָרען דער איינציגער טייל פון אונזער פאָלק, וועלכער איז געבליבען גאַנץ אין דעם אַלגעמיינעם חורבן, און דעריבער איז אויף איהם אויסגעפאַלען צו זיין די איינציגע שטיצע פאַר די פּעראומ־גליקטע. די אַמעריקאַנער אידען האָבען זיך אָבגערופען ביי יעדען אומגליק, וואָס האָט געטראָפען אין אייראָפּאַ. און ביי איצטיגען גרעסטען אומגליק איז דאָס געפיהל פון פעראַנטוואָרטליכקייט ערוועקט געוואָרען שטאַרקער, ווי אַלע מאָל, און גלייך ווי די מלחמה האָט אָנגעריהרט דאָס אידישע לעבען, האָט זיך אין אַמעריקאַ אָנגעהויבען די הילפס־בעוועגונג.

ביי איצטיגען טאָג פערנעהמט די בעוועגונג איינעם פון די אָנגעזעהנסטע פּלעצער אין געזעלשאַפטליכען אידישען לעבען אין אַמעריקאַ. מיליאָנען דאָ־לארס זיינען שוין אָבגעשיקט געוואָרען, און די זאַמלונגען וואַקסען מיט יעדען טאָג. עס איז געוואָרען א בעוועגונג אין וועלכער עס נעהמען אנטייל אַלע קרייזען פון דער אידישער בעפעלקערונג, און יעדער קרייז טראָגט אריין זיין טייל אין דער ארבייט און הילף.

נישט אַלע, נאַטירליך, קענען זיך גלייך בעטייליגען אין דער הילף, און די מיטלען, דורך וועלכע די הילף זאָל געזאַמעלט ווערען, מוזען זיין פערשיעדען פאַר פערשיעדענע טיילען פון דער בעפעלקערונג. די אַרבייט ווערט דעריבער אָנגעפיהרט דורך דריי בעזונדערע קאָמיטעס, וואָס יעדע איינע פון זיי פערטרעט מעהרסטענטיילס א געוויסען קרייז אין אידענטום.

די ערשטע פון די דריי, לויט דער גרויס פון איהרע זאַמלונגען, איז די אַמעריקען דזשואיש רעליעף קאָמיטע, וואָס פערטרעט דעם רייכען עלעמענט צווישען די היגע אידען און די דייטשע אידען בעזונדערס.

די טעטיגקייט פון דער קאָמיטע איז גלייך אין אָנהויב בעשטאַנען אין ווענדונגען צו די רייכע אידען. עס איז געלונגען גלייך צו זאַמלען בעדייּ־טענדע סומען. דאָס האָט די קאָמיטע ערמונטערט צו דעם, אז זי זאָל זיך ווענדען אויך צום מיטעל־קלאַס, צו די פערמעגליכע סוחרים און ביזנעס־לייט, וועלכע האָבען זיך אָבגערופען ניט שוואַכער.

דער פּרינציפּ, אויף וועלכען די א. דזש. ר. ק. האָט זיך געשטעלט, איז

געוועז: אז דאָס געלד זאָל געזאַמעלט ווערען נאָר פון אידען און נאָר דורך פריוואַטע בייזשטייערונגען. די קאָמיטע זאָגט זיך דערינבער אָב פון איינ־אָרדענען קאָנצערטען, פערוויילונגען און אנדערע אונטערנעהמונגען. וואָס זי אָרדענט איין — זיינען בלויז גרויסע מאסען־פערזאַמלונגען, און דער ערפאָלג פון אייניגע איז אזוי גרויס, אז דאָס מאַכט זיי היסטאָריש.

אזוי איז געוועזן די היסטאָרישע מאסען־פערזאַמלונג אין קארנעגי־האָלל דעם 21טען דעצעמבער 1915, אויף וועלכער עס איז געזאַמעלט געוואָרען ביז א מיליאָן דאלאר. אזעלכע פערזאַמלונגען זיינען אָבגעהאַלטען געוואָרען אין סאַן־פראַנציסקאָ, שיקאַגאָ, באַפּאַלאָ און אנדערע שטעדט, און די געזאַמעלטע סומען דערגרייכען ביז צעהנדליגער און הונדערטער טויזענדער דאלאר.

איינע פון די ערשטע ארבייטען פון דער א. דזש. ר. ק. איז גלייך פון אָנהויב מלחמה געוועז דאָס איבערשיקען פריוואטע געלד און בריעף צו די קרובים פון די היגע אידען אין די מלחמה־לענדער, מיט וועלכע די קאָרעס־פּאָנדענץ־בעציהונגען זיינען שווער געוואָרען. די ארבייט איז שפּעטער אויף א געוויסע צייט אָבגעשטעלט געוואָרען, אָבער איצט ווערט זי אָנגעפיהרט פון דער דזשאָינט דיסטריביושען קאָמיטע.

דער א. דזש. ר. ק. מוז אויך צוגעשריבען ווערען דער פערדיענסט פון שטע־לען זיך אין פערבינדונג מיט די אָרטיגע קאָמיטעען אין די מלחמה־לענדער, דורך וועלכע דאָס געזאַמעלטע געלד זאָל פערטיילט ווערען צווישען די ליידענדע. אזוי האָט זיך די קאָמיטע געשטעלט אין פערבינדונג מיט דער י"קא אין רוס־לאַנד, מיט דעם דייטשען הילפס־פעראיין אין בערלין, מיט דער ווינער אליאַנס און מיט א ספּעציעלען קאָמיטעט אין פּאַלעסטינא.

די צווייטע איז די סענטראַל רעליעף קאָמיטע, וואָס פערטרעט די אָרטאָ־דאָקסישע קרייזען. די ארבייט פון דער קאָמיטע האָט זיך אָנגעהויבען אין די ערשטע צייטען פון דער מלחמה און האָט זיך קאָנצענטרירט אין די שוהלען און די קאָנגרעגיישאָנס (שוהל־פעראיינען). די סיסטעם פון קלייבען געלד, אויסער די זאַמלונגען אין די שולען און פערקויפען סטעמפּס (מארקעס) פאַר די מלחמה־ליידענדע, איז בעשטאַנען אויך פון אנדערע מיטלען. אזוי זיינען אין דעם אידען־טאָג, וואָס איז בעשטימט געוואָרען פון פּרעזידענט ווילסאָן אויף דעם 27טען יאנואר 1916, פערקויפט געוואָרען די פּראָקלאמאציעס פון פּרע־זידענט צו דאלאר א שטיק. עס זיינען אויך איינגעפיהרט געוואָרען קליינע טאַשען־קעסטעלעך פאַר זאַמלונגען און אנדערע מיטלען.

די דריטע און די יונגסטע קאָמיטע איז — די פּאָלקס־הילף קאָנפערענץ.

די פאָלקס־הילף קאָנפערענץ.

די גרינדונג פון איהר אין אויגוסט 1915 איז אַרויסגערופען געוואָרען דורכדעם, וואָס די פריהערדיגע צוויי קאָמיטעס האָבען ניט געקענט אויסשעפּען אַלע מעגליכקייטען פון זאַמלונגען צווישען דער גאַנצער אידישער בעפעלקערונג, און די גרויסע אידישע מאַסען זיינען נישט דערגרייכען געוואָרען דורך די סיסטעמען, וואָס די קאָמיטעס האָבען בעשאַפען. די גרויסע מאַסע פון אידישער אַרבייטערשאַפט, די פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ און די יוגענד, ד. ה. דער בעדייטענדסטער טייל פון אידישען פאָלק איז געווען כמעט ווי אויסגעשלאָסען פון דער הילפס־אַרבייט. זיי האָבען זיך אין איהר נישט געקענט בעטייליגען נישט דורך די מעטאָדען פון דער א. דזש. ר. ק., נישט דורך די שוהלען־זאַמלונגען פון דער סענטראַל רעליעף קאָמיטע. ווי ברייט עס איז אַלזאָ נישט געווען די הילפס־בעוועגונג, איז זי דאָך נישט געווען קיין פאָלקס־בעוועגונג און געוואָרען איז זי עס ערשט מיט דער גרינדונג פון דער פאָלקס־הילף קאָנפערענץ.

דעם נאָמען „קאָנפערענץ“ האָט זיך די נייע אָרגאַניזאַציאָן מיט רעכט גענומען צוליעב דעם, ווייל אין דער גרינדונג איהרער אין ניו יאָרק אליין האָבען זיך בעטייליגט איבער 120 אָרגאַניזאַציאָנען דורך א קאָנפערענץ פון זייערע פאָרשטעהער, און אַלע בעאַמטע און פיהרער זיינען אויסגעקליבען געוואָרען פון די פאָלקספאָרשטעהער. עס זיינען געוועזען נישט בלויז דעמאָקראַטישע גרופען; צו דער גרינדונגס־פערזאַמלונג זיינען געקומען פערטרעטער פון אַלע פאַרטייען, קרייזען, אנשויאונגען און שאַטירונגען אין אַמעריקאַנער אידענטום. עס זיינען געקומען ציוניסטען צוגלייך מיט סאָציאַליסטען, רבנים צוגלייך מיט ראַדיקאַלען, פיהרער פון אַרבייטער־יוניאָנס צוזאַמען מיט פּרעזידענטען פון שול־פעראיינען. דאָס איז געווען די עכטע דעמאָקראַטישע פאָלקס־פערזאַמלונג, און אין דער קאָמיטע פון די 110, וואָס זיינען אויסגעקליבען געוואָרען אָנצופיהרען מיט דער אַרבייט, זיינען אַריין פאָרשטעהער פון די אַלע קרייזען. שוין די גרינדונג אַליין פון דער פאָלקס־הילף קאָנפערענץ האָט געוויזען, ווי דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער אידענטום אָהן אונטערשיעד קען פעראייניגט ווערען אין דער הילפס־אַרבייט.

דאָס זעלבע איז אויך פאָרגעקומען אין יעדער שטאָדט, וואו עס זיינען שפּעטער געגרינדעט געוואָרען אָבטיילונגען פון דער קאָנפערענץ. אומעטום זענען צונויפגערופען געוואָרען אַלע אידישע אָרגאַניזאַציאָנען, וואָס עקזיסטירען אין דער שטאָדט, און זיי צווישען זיך, אָהן אונטערשיעד פון פאַרטיי און איבערצייגונגען, האָבען אויסגעקליבען די מענשען, וואָס זאָלען מיט דער אַרבייט אָנפיהרען. אַזוי אַרום איז בעשאַפען געוואָרען די איינציגע דעמאָקראַטישע הילפס־אָרגאַניזאַציאָן, וואָס האָט זיך אין פערלויף פון עטליכע חדשים פערשפּרייט איבער דעם גאַנצען לאַנד.

עס איז נאַטירליך, אַז די סיסטעם פון די זאַמלונגען האָט געמוזט צוגע־

פאסט ווערען צום כאראקטער פון דער ארגאניזאציאן. ווענדענדיג זיך צו די מאסען פון פאלק, וואס זענען נישט אימשטאנד צו געבען קיין גרויסע ביישטייערונגען פאר אמאל, האט די קאנפערענץ אויסגעקליבען די סיסטעם פון וועכענטליכע הויז צו הויז־זאמלונגען. איינמאל אין וואך, זונטאג, זאל מען ארויסגעהן איבער די אידישע הייזער און קלייבען דאס, וואס יעדע פאמיליע קען געבען פאר די מלחמה־ליידענדע.

צו דעם צוועק זיינען נויטיג געווען די זאמלער, און וועגען דעם האט זיך די ארגאניזאציאן אויך געווענדעט צום פאלק אליין. עס האט זיך אבגערופען די אידישע יוגענד מיט איהר בערייטקייט צו נעהמען אויף זיך די פאלקס־ארבייט, און אזוי ארום זיינען בעשאפען געווארען די וואלונטירען־ארגאניזאציאנען פון דער פאלקס־הילף קאנפערענץ, וואס זענען שוין איצט בעקאנט אומעטום, וואו עס וואהנען נאר אידען אין לאנד. צוזאמען מיט יעדער קאמיטע, וואס איז געגרינדעט געווארען אין יעדער שטאדט, האט זיך אויך ארגאניזירט א וואלונטירען־גרופע. און אויך אין די גרופען, ווי אין די ארגאניזאציאנען, האבען זיך פעראייניגט אלע קרייזען פון דער יוגענד אהן אונטערשיעד פון זייערע איבערצייגונגען.

די סיסטעם פון זאמלונגען דורך וואלונטירען האט אבער פון אנהויב געדארפט אוועקגעשטעלט ווערען אזוי אז זי זאל קענען קאנטראלירט ווערען. עס זיינען דעריבער איינגעפיהרט געווארען רעסיטס (קבלות) אין ווערטה פון 5, 10, 25, 50 סענט און איין דאלאר. די נומערירטע ביכער מיט די רעסיטס ווערען פערטיילט צווישען די וואלונטירען, און פאר יעדער סומע וואס זיי בעקומען, גיבען זיי ארויס א געהעריגען רעסיט.

אזא סיסטעם פון זאמלונג איז זעהר שנעל פאפולער געווארען צווישען דער גאנצער אידישער בעפעלקערונג פון אמעריקא, ווייל עס האט געגעבען יעדען איינעם די מעגליכקייט זיך צו בעטייליגען אין דער הילף.

גלייכצייטיג מיט דעם ווערען איינגעפיהרט סאוועניר־באטאנס, קליינע גאלד־בלויע קנעפלעך מיט דעם בילד פון וואנדערענדען אידען, און די באטאנס ווערען פערקויפט צו דאלאר א שטיק.

נישט בעפרידיגענדיג זיך מיט די זאמלונגען איבער די הייזער, זוכט די ארגאניזאציאן פערשיעדענע אנדערע מיטלען, ווי אזוי צו קלייבען געלד פון די ברייטסטע שיכטען פון פאלק. דא קען שוין, נאטירליך, ניט זיין קיין רייד וועגען אויסשליסען אונטערנעהמונגען און פערוויילונגען. ווייל אויב די ארגאניזאציאן ווענדעט זיך צו די ארימסטע פון פאלק, מוז זי אויסגעפינען וועגען, ווי אזוי דעם פאלק זאל זיין אם לייכסטען אבצורייסען די עטליכע סענט, וואס עס דארף געבען, און עס מוז דעריבער געשאפען ווערען א פארם פון געבען עטוואס פאר דעם גענומענעם געלד. די קאנפערענץ ארדענט דעריבער איין א טעג־דעי, א רייהע פון גרויסע קאנצערטען, א באזאר און אנדערע אונטערנעהמונגען, וואס ווערען דורכגעפיהרט טיילווייז בלויז אין ניו יארק, טיילווייז אויך

אין אַלע אַנדערע שטעדט. און כמעט אַ העלפט פון דעם געזאַמעלטען געלד קומט אַריין פון די דאָזיגע אונטערנעהמונגען.

שוין אין דער איינאָרדנונג פון די באַזאָרען אין ניו יאָרק און אַנדערע שטעדט איז געווען טיילווייז דער געדאַנק פון אַריינציהען אין דער ווירקליכער אַרבייט דעם גרויסען קלאַס פון ביזנעס־לייט און הענדלער, וואָס זאָלען זיך אין די אונטערנעהמונגען בעטייליגען מיט זייערע ביישטייערונגען אין סחורות. נאָך פריהער איז אָרגאַניזירט געוואָרען די ביזנעס מענ'ס דליג, וואָס האָט אַריינגעבראַכט גרויסע סומען. שפּעטער האָט די קאָנפערענץ איינגעזעהן, אַז די אויפגאַבע, וואָס די ביזנעס־לייט קענען אויף זיך נעהמען אין דער הילפס־אַרבייט, קען זיין פיעל וויכטיגער און בעדייטענדער. קיינער ווי דער געשעפטס־מאַן און קרעמער קומט נישט אין בעריהרונג מיט אַזוי פיעל מענשען טעגליך, און קיינעם איז נישט אַזוי לייכט פון די מענשען אויפצומאָהנען די קליינע ביישטייערונגען, ווי דעם קרעמער. מען דאַרף איהם נאָר געבען די מעגליכקייט דערצו. און די מעגליכקייט איז בעשאַפען געוואָרען דורך טויזענדער בלעכענע פּושקעס (באָקסעס) מיט דער אויפשריפט: „פאַר די אידישע מלחמה־קרבנות", וואָס זיינען אַריינגעשטעלט געוואָרען אין די געשעפטען. דער בעל־הבית פון געשעפט האָט נישט קיין פליכט, אויסער דעם, וואָס ער לאָזט די פּושקע שטעהן ביי זיך, און די, וואָס קומען אין געשעפט אַריין קויפען פאַר זיך אַליין, דער־מאָהנען זיך אויך אין די הונדערטער טויזענדער הונגערענדע, און לאָזען איבער עטליכע סענט.

דאָס אַריינציהען די געשעפטס־לייט אין אַלגעמיין איז נאָר איין טייל פון דער פּראָגראַם, וואָס בעשטעהט אין אָרגאַניזירען ביי דער הילפס־אַרבייט אַלע קרייזען אויך לויט זייער בעשעפטיגונג. אַזוי איז גלייך פון אָנהויב אָרגאַ־ניזירט געוואָרען אַ דאָקטוירים־קאָמיטע, שפּעטער אַ קאָמיטע פון דראָגיסטען (אַפּטייקערס), אַ קאָמיטע פון שול לעהרער, פון לאָיערס (אַדוואָקאַטען) און אַנדערע פּראָפעסיעס. גלייכצייטיג איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרען די הילפס־אַרבייט צווישען די אַרבייטער לויט די פלעצער, וואו זיי זענען בעשעפטיגט, און וואו מען קען זיי זיכערער דערגרייכען.

האָבענדיג די מעגליכקייט צו קענען קומען אין בעריהרונג מיט אַלע קרייזען און שיכטען פון פאָלק, האָט די קאָנפערענץ געזוכט דאָס גאַנצע פאָלק אַריינצוציהען אין דער הילפס־אַרבייט. און עס איז איהר אָהן צווייפעל גע־לונגען. ווייל אויב עס איז איהר פאַר דעם ערשטען יאָהר פון איהר עקזיסטענץ געלונגען צו זאַמלען ביז 600 טויזענד דאָלאַר, האָט זי אָבער אין פערלויף פון דעם יאָהר אַזוי אויפגערודערט די גאַנצע געזעלשאַפטליכע מיינונג פון דעם לאַנד, אַז אַ דאַנק איהר אַרבייט זענען אויך די זאַמלונגען פון די אַנדערע קאָ־מיטעס פערדאָפּעלט און פערדרייפאַכט געוואָרען. דאָס האָט געקענט אויפ־געטהאָן ווערען נאָר דורך אַן אָרגאַניזאַציאָן, וואָס איז באמת אַ פערטרעטער פון גאַנצען פאָלק און קען זיך ווענדען צום גאַנצען פאָלק.

אין פערלויף פון דעם יאָהר צייט ארבייט, האָט די קאָמיטע בעשאַפען אזא פעראייניגונג פון גאַנצען פאָלק, וועלכע עס איז זעלטען ווען געשעהען. און דאָס פערזיכערט דער אָרגאַניזאַציאָן אויך איהר ווייטערדיגען ערפאָלג אין פעראייניגונג פון דעם גאַנצען אַמעריקאַנער אידענטום פאַר דער הילף.

די דיסטריביושאָן קאָמיטע

די אַלע דריי הילפס־אָרגאַניזאַציאָנען זענען גלייך פעראייניגט אין איין אַלגעמיינעם פערטיילונגס־קאָמיטעט — דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע.

אין דער דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע געהען אריין פאָרשטעהער פון יעדער אָרגאַניזאַציאָן. איהר אויפגאַבע איז: דאָ אויפ'ן פּלאַץ צו רעגולירען די ארבייט פון יעדער אָרגאַניזאַציאָן אין די גרעניצען פון איהר קאָמפּעטענץ און זעהן, אז דאָס געזאַמעלטע געלד זאָל אין די מלחמה־לענדער פערטיילט ווערען לויט דער נויט און בעדערפניש פון יעדען מלחמה־געגענד.

בנוגע צו דער ארבייט דאָ אין לאַנד האָט די דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע אָבגעטיילט די ארבייט פון דער סענטראַל רעליעף קאָמיטע און דער פאָלקס־הילף קאָנפערענץ, וועלכע עס קומט אוים אָפט צו ארבייטען אין איינע און די זעלבע פּלעצער. לויט א געמיינזאַמען אָבמאַך איז בעשלאָסען געוואָרען, אז די הויז צו הויז־זאַמלונגען דורך וואָלונטירען בעלאַנגען אויסשליסליך צו דער פאָלקס־הילף קאָנפערענץ. דאַגעגען — די זאַמלונגען אין די שוהלען ווערען קאָנצענטרירט אין די הענד פון דער סענטראַל רעליעף קאָמיטע.

וואָס איז שייך צו די ארבייט אין דרויסען ווערען — אויף די זיצונגען פון דער דיסטריביושאָן קאָמיטע—פערטיילט די געזאַמעלטע געלדער וואָס ווערען אָבגעשיקט אין די מלחמה־לענדער. דער לעצטער בעריכט פון דער קאָמיטע מעלדעט וועגען דעם פאָלגענדעס:

זייט די מלחמה האָט זיך אָנגעפאַנגען האָט די דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע צוויי־און־צוואַנציג מאָל אָוועקגעשיקט געלד פיר'ן אַלגעמיינעם רעליעף פאָנד אין רוסלאַנד. סך־הכל האָט די סומע בעטראָפען — איין מיליאָן און פיער הונדערט טויזענד דאָלאַר.

דיעזע געלדער זיינען אין רוסלאַנד פערטיילט געוואָרען דורך דער יק"א, וואָס האָט איהר הויפּט העדקוואָרטערס אין פּעטראָגראַד און לאָקאַלע קאָמי־טעטען אין גאַנץ רוסלאַנד.

אויסער די אַלגעמיינע רעליעף פאָנדס, האָט די דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע א געלד־זענדונג ביוראָ, דורך וועלכער אַמעריקאַנער אידען שיקען געלד צו זייערע פאַמיליען און קרובים אין די מלחמה־לענדער.

דורך דיעזער ביוראָ זיינען געמאַכט געוואָרען 6,838 געלד־זענדונגען קיין רוסלאַנד, אויף דער סומע פון 188,315.00 דאָלאַר.

טויזענד ניין הונדערט און פינף און זיבעציג רעסיטס זיינען שוין אָנגע־

קומען אין דער ביוראָ, פון לייט וואָס האָבען די געלדער געקראָגען. זיי אַליין האָבען די רעסיטס אונטערגעשריבען. עס איז אַזוי גוט ווי זיכער, אַז אַ סך מעהר האָבען שוין דאָרט די געלדער ערהאַלטען, טראָטץ דעם וואָס די רעסיטס זיינען נאָך פון דאָרט ניט אָנגעקומען.

אַזוי שנעל ווי די דאָזיגע דיסטריביושאָן קאָמיטע קריגט די רעסיטס פון יענע, צו וועמען די געלדער ווערען אַרויסגעשיקט לאָזט זי עס גלייך וויסען צו די וואָס האָבען דאָס געלד געשיקט.

צו די טעריטאָריעס, וואָס זיינען איצט פערנומען פון די דייטשען, האָט די דיסטריביושאָן קאָמיטע ביז איצט געשיקט פיר רעליעף די סומע פון איין מיליאָן, צוויי הונדערט און זיבען און דרייסיג טויזענד, און פינף הונדערט דאָלאַר. דיעזע סומע איז געשיקט געוואָרען אין 15 ראַטען.

אויסער דעם זיינען דורך דער געלד־זענדונג־ביוראָ געשיקט געוואָרען 4,576 מאָני אָרדערס צו פריינד און משפחה אין פוילען, ליטא און קורלאַנד, וואָס געפינט זיך איצט אונטער דייטשער ממשלה, אויף דער סומע פון הונדערט טויזענד, פיער הונדערט און ניין־און־נייציג דאָלאַר מיט צוויי און פערציג סענט. אין פיעלע פעלעצער איז ניטאָ קיין מעגליכקייט איבערצושיקען דאָס געלד דורך פאָסט, און עס מוז געטהאָן ווערען דורך די דייטשע מיליטערישע בעאַמטע, און ביז איצט האָט שוין די דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע געקראָגען 8,361 רעסיטס, אונטערגעשריבען פון די וואָס האָבען דאָס געלד געקראָגען.

$915,000, אין 15 ראַטען, איז אַוועקגעשיקט געוואָרען צו העלפען די אידען אין דער טעריטאָריע, וואָס איז פערנומען פון די עסטרייכער אַרמעען, צו דער זעלבער טעריטאָריע זיינען אויך געשיקט געוואָרען פון קרובים 556 מאָני־אָרדערס, אויף דער סומע פון $78,519.30.

די דאָזיגע דיסטריביושאָן קאָמיטע האָט אויך געשיקט $320,788.69, אין 24 ראַטען פיר אַלגעמיינע הילף אין פאַלעסטינאַ. אויסער דעם האָט די שיף „וואולקאַן" געבראַכט אין פאַלעסטינאַ 1,000 טאָן שפייז וועלכע האָט דאָן איינפאַך די אידען דאָרט פון טויט געראַטעוועט.

אויסער דעם דזשענעראַל רעליעף פאָנד זיינען געשיקט געוואָרען דורך דער דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע 1,103 פּריוואַט מאָני־אָרדערס צו יחידים אין פאַלעסטינאַ, אויף דער סומע פון $54,984.03.

די דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע האָט אויך געשיקט שטיצע צו די אידען אין גריכענלאַנד, אין אייראָפּעאישען טירקיי און אין אַזיאַטישען טירקיי, די סומע פון $123,325. די פערטיילונג איז געמאַכט געוואָרען דורך יונייטעד סטייטס אַמבאַסאַדאָר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ראַבי מאיר אין סאַלאָניקי, א. אז. וו.

פּריוואַט מאָני־אָרדערס צו דיעזע פּלעצער זיינען דורך דער רעמיטענס ביוראָ געשיקט געוואָרען אויף דער סומע פון 1,185 דאָלאַר.

די דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע האָט אויך געשטיצט אַנטלאָפענע, לײדענדע אידען אין טוניס, מאראָקאָ, אַלדזשיר, שווײץ א. אז. וו.

אויסער דער דזשענעראַל רעליעף אַרבײט טהוט די דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע זעהר פיעל וויכטיגע אַרבײט אויסצוגעפינען מענשען אין די פערשידענע מלחמה־לענדער, אַזעלכע וואָס זײנען פערטריבען געוואָרען פון זײערע פּלעצער און זײער משפחה דאָ ווײסען ניט וואָס פון זײערע קרובים דאָרט איז געוואָרען און וואו זײ מאַטערען זיך ערגעץ.

די דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע ווענדעט אָן אַלע מעגליכע כחות צו טהאָן די גרויסע היסטאָרישע רעליעף אַרבײט אַזוי פרײ און איבערגעבען, ווי עס איז נור מעגליך. לײדער קומט אַרײן זעהר ווייניג געלד לויט דער מאָס פון דעם אומגליק וואָס האָט ניט קײן פערגלײך אין דער געשיכטע פון אידישען גלות. יעדער איד מוז זיך אַלײן טעקסען צו געבען אַזוי פיעל און אַזוי פיעל א יאָהר, אַלס א פערזענליכען טעקס, ביז די פינסטערע וואָלקענס וועלען פערשווינדען, און דער הימעל וועט זיך אויסלײטערען און ברענגען צוריק ליכט און לעבען צו אונזערע מיליאָנען שוועסטער און ברידער פון יענער זײט ים.

דער הילפּ'ס-באַטאָן

דער קלײנער בלאָה־גאָלדענער באָטאָן מיט דעם בילד פון דעם אידען, וואָס ווערט פעריאָגט פון זײן הײם — דאָס איז דער צײכען פון דעם, אַז מיר געדענקען וועגען די פעריאָגטע און געפּלאָגטע און אַז מיר זענען גרײט זײ צו העלפען.

דער באָטאָן איז געװען אײנע פון די ערשטע מיטלען וואָס די פאָלקס־הילף קאָנפערענץ האָט אָנגענומען צו זאַמלען הילף פאַר די מלחמה־לײדענדע. ער איז אַרויס אויף דער גאַס און אין פערלויף פון דער גאַס איז ער געוואָרען אײנער פון די פּאָפּולערסטע צײכענס פון אידישער הילף, עס איז בײ הײנטיגען טאָג כמעט נישטאָ קײן אײנציגע שטאָדט אין אַמעריקאַ, וואו דער באָטאָן זאָל נישט זײן בעקאַנט.

עס איז אָבער נישט גענוג, אַז אין יעדער שטאָדט זאָל זיך דער באָטאָן געפינען—דאָס איז א צײכען, וואָס דאַרף זיך געפינען אין יעדען אידישען הויז.

דער פּרײז פון דעם באָטאָן איז 1 דאָלאר. אָבער יעדער איד בעטהײליגט זיך אין דער הילף מיט א פיעל גרעסערער סומע. און וויכטיג איז, אַז עס זאָל זײן בײ יעדען און אומעטום א צײכען פון דער צײט און פון דער אַרבײט, און זאָל דער צײכען בלײבען אויף שטענדיג.

די מלחמה וועט זיך ענדיגען און דער באָטאָן וועט בלײבען נישט מעהר ווי א געדעכניש. אָבער אַזאַ געדעכניש זאָל זײן.

זאָל עס בלײבען פאַר קינדער און קינדס־קינדער — א זכר לחורבן.

ווען עס וועלען שפּעטער די קינדער געפינען דעם באָטאָן און פרעגען וואָס דאָס בעדײטעט, זאָל מען האָבען צו ענטפערען:

— דאָס איז א צײכען פון שרעקליכע צײטען, וואָס אונזער פאָלק איז אויסגעשטאַנען. א צײכען פון גרויסע יסורים וואָס מיר זײנען איבערגעקומען. און א צײכען פון דעם, וואָס מיר האָבען אין יענער צײט געטהאָן און געשאַפען.

בלויז אײן דאָלאר קאָסט דער באָטאָן. אָבער דאָס איז א צײכען און א געדעכניש אויף דורות.

קויפט דעם באָטאָן און זאָלען אײערע קינדער און קינדס־קינדער געדענקען וועגען דעם, וואָס מיר טהוען הײנטיגען טאָג.

פאלקס-הילף קאָנפערענץ

פאַר די אידישע קרבנות אין די מלחמה־לענדער

196 איסט בראָדוויי ניו יאָרק